STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01989

# SHPATSIRN IN DER NAKHT

David Sfard

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד ספּאַרד

# שפּאַצירן אין דער נאַכט

## לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב תש"מ — 1979

דוד ספרד

# טיולים בלילה

שירים

DAVID SFARD

# WALKS AT NIGHT

Poems

פאָרטרעט פון מחבר, געצייכנט: משה ראָזענטאַליס

בילד „ייִדל מיטן פידל", צייכענונג: מאַנע קאַץ

אַרויסגעגעבן דורכן ליטעראַטור־פּאָנד
א. נ. פון שמואל און רבקה הורביץ,
ביי דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט
אין ירושלים

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב, רחוב איתמר בן־אבי 4

**Printed in Israel** ● נדפס בישראל תש"מ

דפוס „להב", תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 336564



משה ראָזענטאַליס · דער מחבר · פּאָרטרעט

# מײַן ייִדיש ליד

דורך אַ וואַלד פֿון דערנער
שלאָגט זיך דורך אַ וועג
מײַן ייִדיש ליד,
דאָס אומעטיקע שטילע —
אַ בענקענדיקער רוף,
אַ ציטערדיקע תּפֿילה.

מיט שטײנער באַפֿאַלן עס די טעג,
די נעבט פֿאַרקלעמען עס אין פֿינצטערן גראַניט,
פֿאַרסמען עס מיט גרינע שטערן־קערנער,
און וואַנדערנדיקע גרוילן
צינדן ווונדן אויף זײַן גוף,
ווי גליִענדיקע קוילן.

נאָר אויף יענער זײַט פֿון דערנער־וואַלד
דורך העלע וועגן
קומט אָן פֿאַרהוילן
אַ ליכטיקע געשטאַלט
דעם ליד אַנטקעגן
און פֿאַר אַלע פֿײַנען ווי אַ לוין
טוט דעם אָן אַ מאַרטירער־קרוין.

## דאָס אייביקע געזאַנג

אַלע תהומען זענען אָפן
און דער װעג צװישן זיי
דרייט זיך װי אַ שלאַנג,
נאָר מײַנע טריט
באַהאָפטענע אין סטראָפן
זינגען װוּ איך גיי
דאָס אייביקע געזאַנג,
װאָס איז אין דעם נישטאָ — — — —
נישט קיין אָנהייב,
נישט קיין סוף
און נישט קיין מיט,
נאָר יעדער קלאַנג
איז פאַר זיך אַליין אַ ליד.

## מײַן גאַנג צו דיר

ס׳איז געווען מײַן גאַנג צו דיר
אויף דער שאַרף פון שווערד,
און דער וועג פון דיר צו מיר,
ווי פון הימל צו דער ערד.

האָב איך לאַנג געדויערט
אין דערוואַרטונג שטומער,
ביז ס׳האָט אויפגעעפנט זיך דער חלום־טויער
און כ׳בין צו דיר געקומען.

און כ׳זע:
מײַן נאָמען איז פאַרקריצט אין יעדן שטיין,
מײַן שטים הילכט אָפּ פון יעדער ווײַט,
אַ גאָלדיק ליכט מיך אומעטום באַגלייט,
ווי קיין צווישנשייד
צווישן מיר און דיר
זאָל נישט האָבן גאָר געווען —
נישט אין שטח און נישט אין צײַט.

## ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן

ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן,
אַז אין דער ליכטיקסטער אַפילו שײַן
שטאַרבן אָפּ די צאַרטסטע קווייטן,
די שענסטע פרויען וויאַנען
און די טריט פון טויט אַלץ און אַלעמען באַגלייטן.
און אומעטום אין אים דערמאָנען.

ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן,
אַז די ליכטיקסטע אַפילו שײַן
הינטער שאָטנס אַלע מאָל פאַרשווינדט
און יעדער ווינט
פאַרטרײַבט דאָס שוואַכסטע בלאַט פון בוים
און לאָזט עס היימלאָז וואַנדערן אין רוים.

ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן,
אַז נישט דאָס ליד, נאָר דער ווײַן
ברענגט טרייסט דעם מענטשן אין זײַן טרויער
און יעדער דויער
טראָגט אין זיך פאַרגיין
און יעדע פרייד — געוויין.

## די קליינע קינדער מיט די גראָע קעפּ

די קליינע קינדער מיט די גראָע קעפּ,
די קליינע קינדער מיט די גראָע בערד —
מיט וואָס אַ שטייגער קאָן מען זיי פאַרשפּילן
זייער עצבות שטילן —
מיט וואָס פאַרשפּילן זיך אַליין?

אַז אַלץ וואָס איז געווען —
די לויכטנדיקע טרעפּ,
וואָס האָבן יעדע תפילה,
יעדן גלויבן,
דורך סכנות אויפגעהויבן
צו דעם הימל פון דער ערד,

און אויך דאָס גיין צוזאַמען
האַנט ביי האַנט
מיט פריידיקע געזאַנגען
דורך וואַסערן און פלאַמען
צו דעם אויסגעבענקטן לאַנד —
אַז דאָס אַלץ איז ווי אַ רויך צעשוווּמען,
גלייך קיינער זאָל נישט האָבן גאָר געגאַנגען,
גלייך קיינער זאָל נישט האָבן גאָר געקומען —
נישט געשטויגן,
נישט געפלויגן...

און קיין נייעם גלויבן,
און קיין נייע תפילה
האָט נאָך קיינער נישט געבוירן
ביי די נייע טויערן
פון אייזן און פון שטיין —

איז מיט וואָס פֿאַרשפּילן
די קלײנע קינדער מיט די גראָע קעפּ,
די קלײנע קינדער מיט די גראָע בערד —
מיט וואָס פֿאַרשפּילן זיך אַלײן?

## יעדער טאָג

יעדער טאָג איז ציטערדיקער אָפּשייד,
יעדער טאָג איז וווּנדערלעכער דויער.
פון דאַנען די באַגינענדיקע פרייד,
פון דאַנען אויך דער אָוונטיקער טרויער.

קיינער ווייסט נישט וואָס איז חלום,
קיינער ווייסט נישט וואָס איז וואָר,
דאָך איז שווער מיר מאַכן שלום
מיט דעם שווינדל־לויף פון יאָר.

כ׳ווער פון צייַט נישט מיד,
ס׳ווילט זיך זייַן און זייַן,
ביז דעם לעצטן פויגל־ליד,
ביז דעם לעצטן טראָפּן שייַן.

און אויך דערנאָך אין פוסטן גרוי,
כדי צו זען און צו הערן,
ווען און ווּ און ווי אַזוי
עס הייבט אָן אַלץ פון ס׳נייַ צו ווערן.

## מיט זיך

פרעמדע ווינטן האָבן מיך פֿאַרשיכורט,
האָב איך אויסגערעדט שוין אַלע רייד.
איצט איז מיר פֿאַרבליבן בלויז דער עיקר —
שווײַגנדיקע פרייד.

פֿונעם זען און פֿון הערן
יעדן שפּראָץ און יעדן שטיין,
ווי זיי שטיל און שטילער ווערן
אין באַהעפט מיט זיך אַליין.

## וואַלקנס

וואַלקנס שווימען איבער ימען
מיט די וואַסערן צוזאַמען,
חלומות אין חלומות וואַנדערן,
ווי שפּיגלען איינע אין די אַנדערע.

גיי איך אינעם פּלאָנטער אַ פֿאַרצאָגטער,
אַ נישט געגעבטיקטער און נישט געטאָגטער
און קאָן נישט זיך אַליין געפֿינען,
ווי אין אַ נעץ פֿאַרשפּינען,
כ׳זע נישט מײַנע טריט,
כ׳הער בלויז זייער שירה,
ווי אַ ווײַט געזונגען ליד
פֿון אַ רואה ואינו נראה.

## די אויסגעבענקטע ערד

די אויסגעבענקטע ערד,
וואָס האָט זיך אונדז געחלומט אין דער פרעמד
אַזוי אַנדערשדיק פון אַלע די
וואָס מיר האָבן אומעטום געקענט —
די ערד אין כסדרדיקן בלי,
אין בראשית־ליכט צעשײַנט,
וואָס אירע בערג און היילן
אויך אין וואָכעדיקן הײַנט
לעגענדעס הייליקע דערציילן —

די אויסגעבענקטע ערד,
וואָס יעדן אינדערפרי
קומט פון נעפּלדיקן טאָל מקדש זײַן זי
אַ גרויסע קלוגע זון —
אַ יונגער גאָט —
און ווי צום ערשטן מאָל,
ער טוט אַ רינג אַ גאָלדענעם איר אָן
פאַר די טורעם־עדות פון אַ יעדער שטאָט —

אָט די אויסגעבענקטע ערד,
וואָס האָט זיך אונדז געחלומט אין דער פרעמד,
אַזאַ וווּנדערלעכע, אַנדערשדיקע —
נישט פאַרשוועכט זי, נישט פאַרשעמט
מיט מעשים זינדיקע,
מיט פאַלשע רייד —
זאָל זי בלײַבן ווי געוועזן ביז אַהער —
די האָפענונג פון אונדזער טרער,
דער קוואַל פון אונדזער פרייד.

זאָל זי הייליק בלײַבן ווי געווען
מיט איר מאַמע־רחל׳ס תמימותדיקן חן,
מיט רב הלל׳ס מענטשלעך־מילדער תורה,
מיט דער שטאָלצער גבורה פון גיורא
און מיט די ערשטע געטלעכע געבאָטן —
נישט צו רויבן, נישט צו מאָרדן, נישט צו פּײַניקן דעם גר —
נישט פאַרטונקלט אונדזער אויסגעבענקטע ערד
מיט קיין שוואַרצן שאָטן —
זאָל זי ליכטיק זײַן ווי ביז אַהער.

##ביימער

זיי זענען פּונקט ווי מיר דאָ נישט קיין נײַע.
זיי האָבן פּונקט ווי מיר אַמאָל שוין דאָ געבליט.
די וואָס פּלאַנצן זיי אַצינד פון ס'נײַ מיט הענט געטרײַע,
אין אַלע נידערס, אויף אַלע הייכן,
צו וואָרצלען אייגענע און אַלטע גרייכן,
וואָס אונדזער האַרץ האָט יאָרן טויזנטער פאַרהיט.
זיי קומען ווידער אין פאַרשידענער געשטאַלט —
אין קערנער, יונגע פלאַנצן, גרייטע ביימער —
נאָר פונקט ווי מיר זיי זענען אויך שוין דורות אַלט
און אין זייער נײַעם גאַנג
דעם עבר מיט דעם עתיד זיי באַהעפטן מיט געזאַנג
דורך וועגן אונטערערדישע, געהיימע.

פון בענקשאַפט אַנגעגליט אין הייסע רויטע זאַמדן,
האָט די ערד זיי אָפּגעוואַרט דאָ יאָר נאָך יאָר,
ביז זיי האָבן אויך פון אַלע ווײַטן דאָ געלאַנדן
און פּונקט ווי מיר — פון באַרוישטע עולים אין ניכטערע ותיקים —
האָבן זיי זיך אויך געביטן —
פון געלידערטע חלומות אין וואָכעדיקער וואָר.

איצט קומען זיי פון אומעטום אַנטקעגן —
פון אַלע בערג, פון אַלע טאָלן
פון אַלע שלענגלדיקע וועגן,
מיט קילע שמעקנדיקע שאָטנס,
ווי טראָפּנס צוויי געראָטן
אין די באַזונגענע אַמאָלן.

און זיי וואַקסן און זיי מערן זיך,
מיט גרינער ברכה אונדזער ערד באַדעקן
און פּונקט ווי מיר — זיי ווערן זיך
מיט בליִענדיקע אָרעמס
קעגן אַלע ווילדע מדבר־שטורעמס,
וואָס ווילן אונדזער מי און ליד פאַרמעקן.

גרינעביימער, העלע הימלען, בלאָע ימען,
הויפנס זון אויף אַלע ראָגן —
פון דעם אַלץ צוזאַמען
איז אונדזער לאַנד געשפּינען —
און מ׳דאַרף עס נאָר באַזינען,
אַז מיר אַלע זאָלן עס פאַרמאָגן.

## אַ קרײַז

אַ געשלאָסענער קרײַז
און אין אים —
יבשות און ימען,
פּלאַנעטן און שטערן
און וועלטן מיליאָסן אין ווערן.

און אויסער דעם קרײַז,
איז אַלצדינג צוזאַמען —
שטח און צײַט,
נאָענט און ווײַט,
רחמנות און גוואַלד,
שטאָף און געשטאַלט,
אויפקום און שואָה,
אַלצדינג אין איינעם —
אַ תהו־ובוהו.

איז צו וואָס און פאַר וועמען
אַ שפּיל אַזאַ נייטיק ?
תיקו.

## יעדעס ליד

יעדעס ליד איז נײַ,
ווי נײַ ס׳איז יעדער טאָג,
יעדער פרילינג,
יעדע ליבע,
יעדע פרייד,

נאָר זייער אָפט געשעט
עס גייט די וועלט פֿאַרלוירן
אין אַ טרער,
אין אַ בייזן בליק,
אין אַ גיפטיק וואָרט,
ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן
אין אָפּגרונט פון דער נאַכט,
און יעדעס מאָל זיך דאַכט —
זי גייט פֿאַרלוירן שוין אויף אייביק.

ערשט אומגעריכט —
פון עמעצנס אַ מילדן בליק,
אַ גוטן שמייכל,
אַ פֿאַרגינערישן זאָג,
גייט אויף אַרום אַ וווּנדער־ליכט,
דאָס האַרץ ווערט ווידער גלייביק
און אַלץ, וואָס איז געגאַן פֿאַרלוירן,
ווערט פון דאָס נײַ געבוירן.

## ירושלים

### א. זונאויפגאַנג

אין טאָליקער שויס
שטעלן די נעפּלען זיך אויס
צו קאַיאָריקער תפילה.

ווינטעלער קילע
און פּורפּורנע שטראַלן
זענען ביַי אוראַלטע חורבות מתפּלל.

פֿאַרדבקהטע ביימער
אין בענקשאַפט געהיימער
ציִען זיך שטיל צו די הייכן
די הימלען דערגרייכן.

פֿאַרקוקטע אין אין־סוף
שיַינען די בערג אויף
אין גילדענע קרוינען.

די ערד אין ליכטיקן שטוינען
פֿון ערב באַגינען
איז גרייט צו קבלת־השכינה
מיט אַלע געוויקסן צוזאַמען.

און דעמלט שווימט אויף פֿון צעכוואַליעטע פֿלאַמען
דער פֿיַיערדיקער קאָפּ פֿון אוראַלטן עברי־גאָט
און איבער דער גאַנצער שטאָט
ער צעצינדט דאָס ליכט פֿון ששת
ימי־בראשית.

## ב. גנאָד

װען נישט דײַן שײַן
װאָס האָט דאָס פאָלק באַגלײט
אין יעדן דור פון נע־ונד און פּײַן,
פון ימים בלוט,
װאָלט דער עלנט שװין זײַן מוט
פון לאַנג געהאַט געטײט.

װען מ׳האָט מיט שאַנד
באַדעקט אים דאָס געזיכט,
פאַרלאָשן אומעטום פאַר אים דאָס ליכט,
האָסטו זײַן רום דערמאַנט,
ביסטו געװען זײַן זון.

װאָס װאָלט עס געטון
אין יעדער שװאַרצער צײַט
אָן דײַן שטראַלנדיקער גנאָד?
צו מזרח זײַט געװענדט —
צו דיר —
דער הײליקסטער און עלטסטער שטאָט —
עס האָט פון װײַטסטער װײַט
אין תּפילה אויסגעשפּרײט די הענט.
עס זאָל כאָטש אַ רגע פאַרן שטאַרבן,
אין אַנגסטן גרויליקע פון טויט,
דערזען, װי דײַן שײנער הימל בלויט,
און װי דײַן גרויסע זון צינדט אָן
די װוּנדערלעכע פאַרבן
פון דער אויסגעבענקטער פאָן.

### ג. דער חלום

ביסט געווען זײַן חלום אונטער יאָכן פרעמדע —
אַ ליכטיק שיפל איבער כמורנע ימען —
און אין יעדער דראַענדיקער שעה מיט אים צוזאַמען,
ביז דער סאַמע לעצטער בייזער ענדע.

דײַן נאָמען האָט עס ווי אַ תפילה שטיל
געפליסטערט אין די צײַטן פון סכנה
און ער פלעגט דעם אומעטום דערמאָנען,
אַז ס'האָט דער שונא נישט באַזיגט דאָס הייליקסטע געפיל,
אַז ס'איז אויך אין גרוילן נישט פאַרשוווּנדן,
געבליבן לעבן אויך אין פּײַן,
אַז אַלע מאָל געלויכטן האָט דײַן שײַן
און מיט טרייסט פאַרצויגן זײַנע ווונדן.

און ס'האָט געשווירן אין נשמה:
אויב ס'וועט דיך פאַרגעסן ווען אין שטורעם,
זאָל ווערן אָפּגעדאַרט זײַן רעכטער אָרעם,
זאָל ווערן צוגעקלעפּט זײַן צונג צום גומען.

און אַזוי ביסטו כסדר איבער אים געהאַנגען
און ווי אַ שטערן געצייכנט אַלע וועגן,
און ס'איז אין חלום דיר געגאַן אַנטקעגן,
ביז ס'איז אויף וואָר צו דיר דערגאַנגען.

### ד. די שטאָט פון ליכט

ס'איז שיין אַזוי
אַן אַלטע שטאָט אין יונגן בוי
אויף באַרג און טאָל. —
ס'איז שיין
אַ מעשהלע פון קינדערשן אַמאָל
אָנגעטאָן אין שטאָל
און שטיין —
בלאָנדזשע איך אַרום דאָ
ביז אין שפּעטער שעה
ביז דער הימל איבער מיר זיך שפּאַלט
און אומגעריכט
אַנטפּלעקט זיך פאַר מײַן בליק די שטאָט
און איר פּאַרצײַטיש הייליקער געשטאַלט —
די שטאָט פון ליכט.

## סייפא וספרא

— לעאַנען

מיַין קינד,
מיר האָבן שוין אַצינד
אַ ברעקל הימל,
וואָס צו אונדז געהערט,
און אַ ברעקל ערד,
וואָס באַוויליקט אונדזער טראָט.

מיט מי מיט אייגענער אויף זאַמדן
האָבן ברידער אויפגעשטעלט אַ שטאָט
מיט גערטנער און מיט גראָזן,
צו קאָנען תמיד זיכער לאַנדן,
ווען מע ווערט געיאָגט,
און נישט צעלויפן זיך ווי האָזן —
אַוווּ געגנעבטיקט נישט געטאָגט.

מיר וואַרפן קיינעם זיך נישט אָן מער,
מיר ווילן אונדזער לעבן בלויז באַזינגען
און האָבן אונדזער אייגן ליד.
דאָך צו זיַין אַ ייִד
איז אַלץ נאָך שווער
און אַלץ נאָך פלאַקערט קעגן אונדז די שׂנאה.
אַזוי איז אונדז באַשערט
סיַי אין פרעמד, סיַי אין אייגן לאַנד —
דעם ספר האַלטן אין איין האַנט
און אין דער צווייטער אויך די שווערד.

ווייסט אַליין דאָס אַלץ אַצינד,
מײַן קינד,
טראָגסט דעם יאָך פון ביידע
אויף דײַן יונגן גוף —
אין מיט פון גאַנג צו וויסן און פאַרשטאַנד
מוזטו זײַן אויך גרייט אויף יעדן רוף
פון דײַן באַדראָטן לאַנד.

## וואָר און נישט וואָר

אַלץ וואָס געווען
און קומט פאָר,
איז ווי וואָר
און נישט וואָר.

און כ׳ווייס נישט אַליין,
צי די יאָרן,
וואָס גלִיען ביז הײַנט אין זכרון,
ווי וווּנדן,
זענען טאַקע געווען און פאַרשווווּנדן,
צי זיי האָבן זיך בלויז מיר געדאַכט.

ס׳איז שווער צו באַשיידן.
ווי אַ פינצטערע וואַנט
רינגלט אַרום אונדז אַ נאַכט,
און מעגלעך איז איין וואַריאַנט,
און מעגלעך אויך ביידע.

## אין אַן אייגן הויז

מען קאָן אויך אין אַן אייגן הויז
עלנט זײַן
און אין אַ לאַנד פון כולו שײַן
זיך געפינען צווישן שאָטנס בלויז
פון טעג פאַרשוווּנדענע פון לאַנג.

מען קאָן אויך אין אַ רוישיקן אַרום
פול מיט יוגנט און געזאַנג
אַרומגיין אומעטיק און שטום,
צווישן ברידערלעכע ווענט
זיך דערפילן פרעמד,
נישט געפינען זיך קיין אָרט
און אויף ציטערדיקע הענט
טראָגן דאָס פאַרשעמטע וואָרט.

## נע ונד אין זיך אַליין

עס זענען אַלץ פֿאַרפּלאָנטערט נאָך די וועגן
אין אַ כּישופֿדיקער ראָד,
איינער גייט דעם אַנדערן אַנטקעגן
אויף קיינעמענס באַראָט.

די ערד איז ווײַטער שטום,
די הימלען — נעפּלדיקע, בלאַסע,
און די טעג גייען שיכּורע אַרום
איבער פּוסטע גאַסן.

ווייס איך נישט ווען און ווו
וועט נאָך פֿירן מיך מײַן גאַנג.
צי וועט יעדע נײַע שעה
זײַן אויפֿגאַנג, צי פֿאַרגאַנג —

אין מײַן אַלטער־נײַער היים
בין איך אַלץ דער זעלבער וואַנדערער —
נע־ונד אין זיך אַליין
און יעדער טאָג אַן אַנדערער.

## פֿאָדערט נישט...

פֿאָדערט נישט פֿון מיר,
אויף דער שטראָם טוישט יעדע רגע זײַן קאָליר,
כ׳זאָל זײַן דער זעלבער אַלע שעה.
אויף דער ווינט ווייסט קיין מאָל נישט פֿון רו.

און איך
טראָג אין זיך
דעם אומרו פֿון זיי ביידן.
עס קאָן מײַן ליד
מיטן אומרו זיך נישט שיידן,
קיין מאָל נישט דעם גלײַכגעוויכט פֿאַרהיט,
נאָר יאָגט דורך באַרג און טאָל,
פֿול מיט זונענשײַן אַ מאָל,
קלאָר פֿאַרטראַכט
און אינערלעך געשטילט,
און אַ מאָל אין וואָלקנס פֿינצטערע געהילט,
ווי דאָס טרויער־ליד פֿון נאַכט.

## דער שטאָלצער פּאַלמע־בוים

דער שטאָלצער פּאַלמע־בוים,
וואָס באַוועגט זיך קוים אין ווינט —
אין מיר ער וואַקסט אַצינד,
אין מיר ער בליט,
ווי אין מײַן קינדער־טרוים.

אויף אים איך שרײַב מײַן ליד
פון יאָרן פּײַן,
פון יאָרן בייז
און רגעס שײַן
און כ׳ווייס —
ס׳וועט זײַן פאַרהיט,
ס׳וועט זײַן באַוואַכט,
ס׳וועט דער ווינט עס דאָ דערציילן
יעדן טאָג און יעדע נאַכט
אין די שעהען שטילע,
אויף די בערג און אין די היילן,
ווי אַ תּפילה.

## ווי אַ בליץ אין פלי

יעדע פרוכט צײַטיקט אויפן בוים
און די שטראַלן פון דער זון,
און די ווינטן פונעם רוים
גיסן זי מיט זאַפטן אָן
און מיט קאָליר.

מײַן ליד צײַטיקט טיף אין מיר
און מײַן האַרץ און מוח
פילן עס מיט ליכט אָן און מיט כוח,
עס זאָל נאָך אָנגעשטרענגטער מי
אַ שײַן טאָן ווי אַ בליץ אין פלי,
ווי אַ בלאָנדזשענדיקער שטערן,
און אין דער אייביקייט פאַרפאַלן ווערן.

## אַז איך וויל

אַלץ וואָס אַרום מיר קומט פֿאָר —
אַז איך וויל
איז עס וואָר,
און אַז איך וויל
איז עס שפּיל.
אַזאַ טרויעריקע שפּיל,
אַזאַ אומעטיק ליד,
פֿון שאָטנס,
וואָס זענען פֿאַרבלאָנדזשעט אין נאַכט,
נאָר איך ווייס נישט,
ווער ס'האָט עס פֿאַרטראַכט
און וואָס איז זײַן ציל.

# דער פּיבער פון אַ ליד

טעג וואָס זענען שוין פאַרשוווּנדן
קערן זיך אין חלום אום צוריק,
ווי נישט פאַרהיילטע ווונדן.

מיט זיי צוזאַמען
קומען אַלע שיינע טרוימען מיט,
וואָס די צײַט — די מאַמע —
האָט שוין געהאַט צום שלאָף פאַרוויגט,
און זיי צעבלִיִען זיך מיט ווײַסן צוויט,
ווי אין אַ כּישוף־מעשׂה.

נאָר דער כמורנער האַרבסטיקער באַגין
איז פון אַלע צײַטן אַ בעל־כּעסן
און ער איז תּמיד דן בלויז לכף־דין,
באַשר יעדער חלום רעדט אָן זין
און אַלץ אין אים איז נאָר געדאַכט —
גאָרנישט ווידער בליט,
און וואָס פּאַסירט האָט אין דער נאַכט,
איז בלויז דער פּיבער פון אַ ליד.

## אַריבער דער גרענעץ

צוזאַמען מיר גייען דורך היימישע גאַסן
ווי אין די געוועזענע צײַטן —
מיט שטיינער קוקט נאָך אונדז אַ הימל אַ בלאַסער
און שטומע דערשראָקענע ווײַטן.

נאָר מיר זענען — לאַנג שוין די גרענעץ אַריבער
און ווייסן,
אַז אייביק זיך בײַטן די גרייסן —
דער תוכן בלײַבט איבער
באַהאַלטן
אין אַלע געשטאַלטן.

איז גייען אַזוי מיר בשלום,
און מיט אונדז גייען מיט
דער נאַרישער חלום
און דאָס גלויביקע ליד,
ביז די נאַכט הייבט אָן ליכטיקער ווערן,
עס פאַרשווינדן די שטערן,
די שאָטנס פאַרגייען
און אַלץ וואָס אין דער נאַכט איז געשען
ווי אַ רויך זיך צעפליט.

## אייגנערד

אין האַרבסטיק־אומעטיקע טעג,
ווען טריבע הימלען הענגען איבער יעדן וועג,
אַ קרעכצנדיקער ווינט ווי אַן אַלטע וויג
וויגט אַ שוואַרצן וואָלקן הין און צוריק,
ביימער שטייען איַינגעטונקען אין געוויין,
אַ טרויער יאָגט פון אומעטום
און אויף אַלעמענס געמיטער שווערט —
דעמלט בלויז אויף אייגנערד
ליב און נאָענט ווערט
אַלץ אַרום.
און ס'טרעפט אַ מאָל אויך אומגעריכט —
דורך אַ וואָלקן רייַסט זיך דורך אַ שטראַל פון ליכט
און טריפט אין האַרץ אַרייַן
אַ טראָפן שייַן.

אין פרילינגדיקע טעג,
ווען בלויע הימלען הענגען איבער יעדן וועג,
די ערד ווערט יינגער,
די ביימער זינגען
אַ נייַ־געבוירן ליד
און דער חלום פון די קינדער־יאָרן
פון דאָס נייַ צעבליט —

דעמלט בלויז אויף אייגנערד
וועקן אויף זיך אין זכרון
אַלע דורות פון די פריִערדיקע יאָרן,
ווי די אַלטע וואָרצלען אין דער פרילינגדיקער ערד,
און דערמאָנען אונדז, אַז אַלע צייַטן
מיט דער צייַט זיך בייַטן

און בלויז
די אייגנערד אַליין
טראָגט אַלע שטורעמס אויס
און בלײַבט אויף אייביק שטיין.

## איך רוף נישט אָפּ

איך רוף נישט מײַנע יאָרן אָפּ צוריק —
כ׳בין מיט גלויביקע געזאַנגען
דורך פײַערן געגאַנגען,
נישט נאָר פאַר אייגן גליק.

און אַז עמעצער פאַרלאָשן האָט די שײַן
אין סאַמע מיט פון וועג
און ס׳האָט אויפגעגרוילט אַ חושכדיקע צײַט —
צי וועלן שוין דערפאַר אין יעדער ווײַט
נישט בלויען מער קיין טעג,
צי וועט קיין ליכט שוין מער נישט זײַן ?

עס געשעט —
אַ שיף דורך כוואַליעס ווערט באַזיגט
און צום אָפּגרונט גייט
מיט אַ שטורעמדיק געוויין —
צי ווערט מען מיטן ים דערפאַר צעקריגט,
צי לאָזט מען שוין קיין שיפן מער נישט גיין ?

## ייִדל מיטן פידל...

ייִדל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס —
ס׳איז געווען אַ מאָל אַ ייִדיש לידל,
וואָס מען האָט געזונגען אומעטום
אויפֿן מיטן גאַס.
איצטער זענען אַלע גאַסן שטום
און די זינגער זענען מער נישטאָ —
פֿאַרצוקט האָט זיי אַ חיה־רעה,
אַ פֿינצטערער תהום
האָט זיי פֿאַרשלונגען.
בלויז קלאַנגען איינצלנע אַצינד
נאָך בלאָנדזשען אום אין ווינט
און דערמאָנען קוים,
אַז ס׳איז געווען אַ מאָל אַ ייִדיש לידל,
וואָס אַלע האָבן עס געזונגען
אויפֿן מיטן גאַס —
ייִדל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס.



מאַנע קאַץ „יידל מיטן פידל“... צייכענונג

## טרוים

אייביקייט
איז פאַרלייקענונג פון צײַט,
אין־סוף —
פאַרלייקענונג פון רוים
און ווירקלעכקייט —
פאַרניינונג אומאויפהערלעכע
פון זיך אַליין.

ווו־זשע בלײַבט די שטערבלעכע
אויפן ערדישן באַרגאַראָפּאַרויף
אין זייער איינזאַמקייט צו גיין,
אויב נישט אין קעניגרײַך פון טרוים?

## היימלאַנד

דאָס מעסטן מײַן היימלאַנד
מיט ווי אָרסטן און מײַלן
איך קאָן מיר פאַרשפּאָרן —
ס׳איז יעדער שפּאַן ערד דאָ געצבפּלט
אויף טויזנטער יאָרן.

נישט אין דער לענג
און נישט אין דער ברייט דאָ
קאָן זיך צעוואַקסן מײַן שורש,
אין דער טיף שלאָגן ליכטיקע קוואַלן —
איך בין זייער יורש.

עס קאָנען מיט זיי זיך נישט מעסטן
קיין שטחים און ווײַטן —
אין מעכטיקע כוואַליעס
זיי שווימען אַריבער
אַלע פאַראַנענע צײַטן.

##ביימער אין ישראל

אַ בוים אין ישראל
טוט שבת פון אָרט זיך נישט רירן,
ווײַל אַלע פייגל אין שבת דאָ זאָגן שירה
און יעדע צווײַג דאַרף שווײַגנדיק זיי הערן
און נישט שטערן.

און אַז אַ ווינטל פאַרשײַט,
קומט צו לויפן פון ווײַט,
און הייבט אין די צווײַגן אָן פלוישן
זײַן ווינטלדיקע שפּיל,
דאַן הייבן די ביימער אָן רוישן
זאָל זײַן שטיל,
זאָל זײַן שטיל,
זאָל זײַן שטיל! —
מען דאַרף פון ווינטלעך
זיך נישט לאָזן פאַרפירן
ווי באַבעס,
בפרט אין שבת
ווען אַלע פייגל זאָגן שירה.

## שפּאַצירן אין דער נאַכט

פון דער אייביקייט, ווו זיי רוען,
קומען זיי אויף מײַן פאַרבעטן
יעדן אָוונט מיך באַגלייטן
אויף די איינזאַמע שפּאַצירן
און שמועסן מיט מיר פירן
ביז די שפּעטסטע שעהען.

מיר טוען דעמלט אַלע גרענעצן אַריבערשפּאַנען,
וואָס טיילן אונדז פונאַנדער,
און לאָזן זיך אין וואַנדער
איבער וועגן אומבאַקאַנטע,
פון קיינעם נישט געאַנטע,
וואָס זענען נישט פאַראַנען.

אוןביידע וועלטן
מיר באַהעפטן דאָ אין איינעם,
זיי זאָלן לעבן צווישן זיך בשלום,
ווי וואָר און חלום,
ווי גנאָד און זינד —
און אַז די נאַכט פאַרשווינדט
בלײַב איך ווידער אויפן וועג
פון די יאָגנדיקע טעג —
מיט קיינעם.

## די אומהיימלעכע שעה

מײַן גאַנג איז אַ ווינט אין ליידיקן רוים,
וואָס לויפט זײַן פאַרכישופטן קרײַז
אין אין־סוף פון טרוים,
וווּ מײַנע לידער,
פון פּראָסטיקע אָטעמס פאַרפרוירן
אין צאַפּנס פון אײַז,
פאַרלירן אין לויף זייער שטײַפקייט און וואָג
און אין בליץ פון געבוירן
זיי פאַרוואַנדלען זיך ווידער
אין שײַן
און שליסן זיך אײַן
אין קאַראַהאָד
פון נאַכט און פון טאָג.

דאָס שפּילט זיך מיט מיר אַזוי שפּאָטיש די זון,
מײַן ערדישער גאָט.

נאָר אָט קומט שוין אָן
די אומהיימלעכע שעה
פון דער אייביקער נאַכט,
ווען דער גאַנצער געדאַכט
פון הימל און ערד,
פון פעלקער און שטאַמען,
ווערט צעשטערט
און פאַרשווינדט
— ווי אַ רויך אויפן ווינט
מיט מיר צוזאַמען.

## דער צלם אלוקים

ס׳האָט דער מענטש דעם צלם אלוקים פֿאַרלאָרן —
איז אַלץ אַרום פון ס׳ניַי געוואָרן
וויסט און לער.
גאָטס גײַסט שוועבט נישט מער
איבער אונדזער ערד.
בלויז אַ וואָלקן אויף איר שווערט,
לעשט דאָס ליכט אין אַלע עקן וועלט
און די הימלען מיט שוואַרצער נאַכט פֿאַרשטעלט.

היימלאָז בלאָנדזשען אום די טעג,
אומוועג איז אַ יעדער וועג
און דער מענטש איז עלנט און אַליין
ווי אַ שטיין,
אָן האָפענונג און אָן גלויבן,
און זײַן טרער
און פּײַן
לינדערן שוין נישט מער
די מילדע טויבן
מיט בלעטעלעך פון שײַן.

## נאָכאַנאַנד

נאָכאַנאַנד גייען כוואַליעס איבער טײַכן
און קיין איינע קען די צווייטע נישט דערגרייכן,
ביז זיי קומען צו די ימען
און באַהעפטן זיך צוזאַמען.

נאָכאַנאַנד יאָגן ווינטן איבער פעלדער
און מיט וויכערדיקע אָרעמס
רײַסן אויף זיי אַלע וועלדער
און פאַרוואַנדלען זיי אין שטורעמס.

נאָכאַנאַנד לויפן מײַנע יאָרן אַלע
און זיי ווערן ערגעץ־ווו פאַרפאַלן
ווי די רעגנבויגנס —
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...

## אַלץ וואָס גוט און שיין...

אַלץ, וואָס גוט און שיין איז,
האָב איך אויסגעחלומט פאַר דײַן ערד.
אונטער בערג פון שמות,
וואָס זענען מיר געווען באַשערט,
האָט אין דיר מײַן גלויבן
שטיל געגליט
און דורך דעם הערשנדיקן ליגן
אַרויסגעקוואָלן פון דער טיפעניש פון ליד
מיט אַן אייגענעם און אַלטן ניגון.

און פון אויבן
האָט דער שכל
מיט אַ תמימותדיקן שמייכל
דעם שונאס טריט
געהיט,
זיי זאָלן נישט צום האַרצן גרייכן.

## פון דעמלט

מײַן האַרץ האָט דאָס גליק
און די פרייד
באַגעגנט מיט שטומען געוויין —
די וואָס קאָנען אַהיים שוין נישט גיין
האָבן מײַן זון הײַנט באַגלייט
אויף זײַן היימגאַנג צוריק.

געווען איז אַ זוניקער טאָג
און אַלץ האָט פון סנײַ זיך געוועקט
צו לעבן און דויער,
נאָר פון אונטער די נעפּלען פון טרויער,
וואָס האָבן די בערג פון יהודה באַדעקט,
האָט זיך געטראָגן אַ נאָגנדיקע קלאָג.

גיי איך פון דעמלט אַרום צווישן אים און זיי
און ווייס נישט צו וועמען איך געהער —
די נאַכט מיך פאַרוויגט צווישן גליק און וויי
און דער טאָג זיך צעבלויט איבער מיר ווי אַ טרער.

# צווישן בערג און טאָלן

כ׳גיי אַרום מיט זיך אַליין
צווישן בערג און טאָלן
און הער זיך איַין,
ווי אַ ציטערדיק געוויין
גייט אויף פון אַלע פינצטערע אַמאָלן.

עס יאָגט אויף מיר מיט דורותדיקער פּיַין,
יאָרטויזנטער מישן זיך צוזאַם
און עס פאַלט אויף אַלץ אַרום אַ רויטע שיַין
פון שיַיטערס, און גירושים און עלילות־דם.

ס׳איז שטיל.
בלויז דער רויש פון שטאָט
דערטראָגט זיך פון דער וויַיט,
ווי פון וואַסערפאַל דאָס ברויזיקע געזאַנג,
און פּלוצעם איך דערפיל —
כ׳בין נישט מער אויף אַלעמענס באַראָט
און ס׳איז נישט הפקר מער מיַין גאַנג.

אויף די פעלדזן פון דעם לאַנד
כוועל פאַרקריצן מיַינע טריט,
און די פּראַצע פון מיַין האַנט,
און די שורות פון מיַין ליד.

## פאַר די בויער

איר האָט דעם הייסן זאַמד
מיט הוילע הענט געטראָגן
די פאַרסמטע זומפּן צו פאַרשיטן,
מיט אײַער שווייס און בלוט
באַגיטיקט די פאַרדאַרטע ערד
פאַר פרישע בליטן,
ווי משה אין דעם לאַנד
יעדן שטיין געשלאָגן,
ער זאָל וואַסער געבן
און מיט יונגן מוט
די וויסטעניש אײַן איר פאַרוועהרט
און באַפוילן ווידער לעבן.

האָבן גראָזן איבער זאַמדן זיך פאַרשפּרייט,
אויף דערנער זענען אויפגעגאַנגען
בלימעלעך פון פרייד
און גרינע וועלדער האָבן זיך באַוויזן
אויף די פליכעוואַטע בערג —
דאָס איז אײַער ווערק
אויפגעשטעלט אין טרערן און געזאַנגען.

דעריבער פאַר די בויער
איז דאָס ליד געשריבן,
ווײַל כאָטש געוואַנדערט האָט עס
לאַנג אין טרויער
איבער לענדער ווײַטע פרעמד און שטום,
איז אײַער ניגון אומעטום
אין דעם ליד פאַרבליבן.

## אין סודותדיקן וואַנדער

ריי נאָך ריי
מיר גייען ז י ך פאַרביַי
אין סודותדיקן וואַנדער
און שיידן זיך פונאַנדער.

מיר וואָגלען אום באַזונדער
אין נעפּלדיקן אַנען
פון אַ וועלט שכולו וווּנדער
און מיר ווייסן נישט וווּהין,
און מ י ר ווייסן נישט פון וואַנען.

ביז אין איינער אַזאַ נאַכט, צי באַגין,
קומט אָן אין איַילעניש אַ רויבער־שעה
און אָן שום זין,
ווי קיין מאָל נישט געווען,
מיר זענען שוין נישטאָ —
ווי ס׳פּאַלט אין ים אַריַין אַ שטיין.

## טרייסט

פרעמדע וועגן האָבן לאַנג געפּלאָנטערט מײַנע טריט
און געצוווּנגען אָפּט צו בלײַבן שטיין.
האָט פֿאַרשפּעטיקט זיך מײַן גאַנג
צו זיך אַליין
און מײַן ייִדיש ליד
איז געוואָרן פֿרעמדגעזאַנג.

נאָר אויך אין איינגלאַנד
איז עס מיט פֿאַרדאַכט געהיט,
פֿאַרשטויסן אויפֿן ראַנד
און נישט אַנטפּלעקט אין פֿולער שײַן
פֿאַר אַלע יאָרן פּײַן.

זאָגט דערויף דער ניכטערער פֿאַרשטאַנד,
דאָס באַטײַט, אַז איינגלאַנד
איז נאָר נישט ייִדישלאַנד,
נאָר דאָס האַרץ וויל נישט מסכּים זײַן דערמיט,
און טרייסט זיך מיט אַ נײַ־געבוירן ייִדיש ליד.

## ווי גוט איז...

ווי גוט איז צו קאָנען זיך זאָגן:
דאָס איז דער ים,
און דער באַרג
און דער טאָל,
וואָס מיר אַלע פאַרמאָגן —

אַ מאָל, גאָר אַ מאָל,
איז דאָס ציגעלע געלאָפן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
הײַנט טוט עס אַליין
זאַמדן און שטיין
אין מי־לאַנד
און בלי־לאַנד
פאַרוואַנדלען.

ווי גוט איז צו קאָנען זיך זאָגן:
אָט דאָס איז די יוגנט די שיינע,
וואָס מיר אַלע פאַרמאָגן,
די יוגנט וואָס חנפה׳ט נישט קיינעם,
די מילדע און האַרבע,
וואָס חלומט
פון שלום
און קאָן אויך אויף שלאַכטפעלדער שטאַרבן.

ווי גוט איז צו קאָנען זיך זאָגן:
אונדזערע שויבן איצט העלן
מיט יונגע פאַרטאָגן
אָן שאָטנס פון פרעמדע באַפעלן —

און די איינציקע תפילה
פון אונדזערע איידעלע באַגערן —
מיר זאָלן חלילה
אַליין קיין באַפעלער נישט ווערן.

## יעדער רגע

יעדער רגע איז די ערשטע פון באַשאַף,
יעדער זונען־אויפגאַנג —
אַ פּלוצימדיקער נס,
און יעדער זונפאַרגאַנג —
דער סוף פון ערשטיקן מעת־לעת.

מיט זיי צוזאַמען
ווער איך אַלע מאָל געבוירן,
מיט זיי צוזאַמען
גיי איך אַלע מאָל פאַרלוירן.

## מיכאל

ביסט דער זון
פון מײַן פרײַער און שפּעטער,
ביסט די פרייד פון מײַן אַצינד,
פון אונטער די פאַרוועלקטע בלעטער
פון מײַנע אַסיענדיקע טעג,
האָסט אַרויסגעשפּראָצט
אַ צווײַגעלע אַ גרינס.
אַ בשורה־קינד
פון באַזעסנקייט אויף וואָר,
נאָך אַלע תוהו־ובוהודיקע יאָרן —
טאָ זאָל עס דיר שוין זײַן באַשערט
נישט צו וואָגלען מער אויף פרעמדער ערד,
נישט צו וואַנדערן דורך פרעמדע שטעט —
פון לאַנד צו לאַנד,
פון ים צו ים,
ווי איך אַ לעבן לאַנג,
נאָר ווי אַ רינג אין קייט,
ווי אַ שטיין אין וואַנט
זײַן באַהאָפטן מיט דײַן שטאַם
אין זײַן נצחדיקן גאַנג —
און מער שוין נישט פאַרשטעלטערהייט
טיילן פרעמדע פרייד,
און מער שוין נישט פאַר כּלומרשטדיקן דויער
טיילן פרעמדן טרויער
און שטייענדיק אַפילו — קנײַען,
און הערשנדיק אַפילו — דינען,
נאָר פאַר זיך אַליין צעבלײַען
און זיך אַליין באַזינען.

# למעלה מן השכל

ס׳איז יעדעס וואָרט אַנטפּלעקונג
און יעדער טראָט אַ נס,
דער אויפגאַנג און פאַרגאַנג
אין יעדערן מעת־לעת,
דער טויש פון צײַטן
און דער ווינט, וואָס קומט פון ווײַטן
מיט פרילינגדיק געזאַנג
דיביימער וועקן.

אויך דאָס זײַן וואָס איז אין ווערן,
און דאָס זײַן וואָס אין פאַרגיין,
און דער חלום געטלעכער פון דעם,
וועמען אַלע מיר געהערן
און פון דעם,
וואָס חלום איז אַליין.

דאָס אַלץ איז ענדלעך
און אומענדלעך,
איז דאָ
און איז נישטאָ,
איז פרײַער
און אַצינד,
איז אומזין
און אויך זין.

## ווי קינדער

אַלע שטאַרבן מיר ווי קינדער,
די אויגן פול מיט חידוש און מיט שרעק.
אַלע ווערן מיר געבוירן בלינדע
און בלינדע גייען מיר פון דער וועלט אַוועק.

ווי קינדער קנײען מיר אין תּפילה
פאַר אַלץ וואָס איז פאַרהוילן און נישט קלאָר,
און מיר ווייסן נישט צומאָל אַפילו
צי מיר אַליין זענען חלום, אָדער וואָר.

טייל מאָל דאַכט זיך אונדז: מיר זענען דאָ
און ס'איז דער שכל אונדזער האַר,
נאָר אומגעריכט קומט אָן אַ שעה,
ווען גראָד דער שכל איז דער נאַר —
און זײַן גאַנצע חכמה איז אַ קינדער־שפּיל,
אַ געדריי פון פליגל אין אַ פּוסטער מיל.

## די טויטע כלה

טריסק, שטעטעלע פון מײַן געבוירן,
ס'האָט מײַן האַרץ אין פּלאָנטער פון די טעג
דיך קיין מאָל נישט פאַרלוירן.
כ'בין פון דיר אַ קינד אַוועק
אין אַ שטעטעלע אַן אַנדערס
און שוין אַזוי אַ לעבן־לאַנג געוואַנדערט.

פון דעמלט זענען שוין פאַרבײַ נישט ווייניק יאָרן —
אַלץ, וואָס האָט געגרינט איז איצט שוין גראָוו,
דאָך געדענק איך נאָך ווי כ'בין מיט פערד און וואָגן
דורך פעלדער בליִענדיקע אין לויטערע פאַרטאָגן
צוזאַמען מיט מײַן טאַטען, דעם אָזוריאַנער רב,
אויף יעדן מגידס יאָרצײַט צו דיר געפאָרן.

דער „מגיד" נאָך זײַן פטירה איז נאָך הייליקער געוואָרן
און באַלעבאַטים פיל פון שטעטל
זענען אויף די יאָרצײַטן געפאָרן
(פון די טריסקער חסידים האָט קיין איינער נישט געפעלט)
איז מען אויף דער פור געזעסן איינער מיטן אַנדערן געקייטלט
און פון רבין וווּנדער זיך דערציילט.

דער ראש־המדברים איז ווי אַלע מאָל געווען דער אַלטער אלימלך
האַלטנדיק אין בלייכער האַנט די זילבער־ווײַסע באָרד,
האָט ער אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט
און אָנגעהויבן שטיל, פּאַמעלעך,
יעדעס וואָרט געשפּאָרט
און פון סאַמע מיט —
האָט ער אַזוי זיך אין טומל פון יאַריד,
ווי ס'האָט דער רבי אים געשיקט,

שפּאַצירט אַהין און צוריק,
ווי סתם אַ נײַגעריקער גייער,
ביז ער האָט פון העלער הויט דערזען
אין ווינקל פון דער גאַס אַן אשה איינזאַם שטיין.

דאָס פּנים ערדיש־גראָ,
דער גוף אין נעפּלדיקן שלייער,
בלויז די אויגן פלאַמיק־בלאָ,
נישט דאַיִק, אויסטערליש און פרעמד.
ער האָט זי קוים דערקענט —
אַזוי פיל יאָרן אַז זי איז פון דער וועלט אַוועק...

ס'איז געשען אין די מלחמה־טעג.
מען האָט פאַרקנסט אים פאַר אַ צווייטער —
איז זי אויסגעגאַן פאַר חרפּה און פאַר ווייטיק.
איצטער האָט דער רבי זי אַראָפּגעבראַכט,
ער זאָל בײַ איר מחילה בעטן,
וועט אפשר בײַ זײַן ווײַב זיך עפענען די טראַכט...

נאָר פון שרעק האָט ער קיין איינציק וואָרט
נישט געקאָנט פון מויל אַרויסבאַקומען
און הינטערווײַלעכץ זיך גערוקט.
און זי, פאַרגליווערט אויפן אָרט,
האָט ערגעץ איבער אים געקוקט
און פּלוצעם ווי אַ רויך צעשוווּמען.

פון דעמלט זענען יאָרן צענדליקער פאַרבײַ שוין
אַלע כּלות און חתנים יִדישע פון מדינת־פּוילן
ליגן לאַנג שוין אונטער בערג פון אַש
און אין גריבער פינצטערע פאַרהוילן.
געבליבן איז די מעשה בלויז פון דער טויטער כּלה
לזכּרון נאָך זיי אַלע.

## שטעטעלער וואָלינער

שטעטעלער וואָלינער,
תמימותדיק־פּאָרטראַכטע
אין באַגינענס,
אומעטיק־פאַרבענקטע
אין פאַרנאַכטן —
איר זענט שוין מערער נישט פאַראַנען.
בלויז אין חלום גייט איר אויף אַ מאָל,
ווי פון אַ טיפן נעפּלדיקן טאָל,
אײַנגעהילט אין בלוטיקע טומאַנען.

שטעטעלער וואָלינער,
פרידלער־האָרעפּאַשנע,
אײַנגעשלונגען האָבן רויטע אַשן
אַלע הענדלער אײַערע,
אַלע לערנער און כלי־קודש,
אַלע שנײַדער, שוסטער און קאָוואַלן,
אַלע טעסליערס, סטעלמאַכס און סטאָליאַרן,
וואָס פלעגן אין קאַיאָרן,
נאָך נישט אויסגערוטע, מידע,
אין די דערפער זיך צעפאָרן
אויף אַרבעט און יאַרידן,
ווי צו אַן עבודת־קודש,
און די געסלער שטילע
אין פרימאָרגנדיקן שטוינען
פלעגן הענער,
מיט פאַרריסן־פײַערדיקע קרוינען,
וועקן צו דער ערשטער שחריתדיקער תפילה.

שטעטעלער וואַלינער,
איצט קומט איר אונדז אַנטקעגן
איינגעטונקען אין אבלות
און די עכּאָס פון די מאָרדן און גזילות
גייען אויף נאָך פון די וועגן,
פון די פעלדער,
פון די וועלדער,
פון די אויסגערויבטע שטיבער,
פון די קוים פאַרשיטע גריבער,
און פון די רוצחים אומצאָליקע,
וואָס באַוווינען ביז אַצינד נאָך אייער ערד.

נאָך פאַר דער אייביקייט פאַרהיטענע
גייען אום די שאָטנס פון די הייליקע
איבער אייער גאַנצן לאַנד
מיט העלדזער אויפגעשניטענע
און ברענענדיקע בערד —
פאַר דורותדיקער שאַנד.

## דאָס געהויל פון די ביינער

אויף צירלער־מאַנירלעכע גאַסן און פּלעצער
הערט זיך נאָר אַלץ דאָס געהויל פון די ביינער,
נאָר הינטער די גיפטיקע רייד פון די העצער
הערט עס שוין קיינער.

אין מיטן פון נײַע צעוואַקסענע שטעט
זיי ליגן אין גריבער צוזאַמען.
אויף פעלדער, אין וועלדער זיי זענען צעשפּרייט
און עס טראָגן זיי רעגנס אַראָפּ צו די ימען.

יאַטערט די זון זיך אויף פּוילישער ערד,
די שטערן ווי גלי־ווערעם גלױען —
און אַזוי וועט שוין אייביק זײַן דאָ באַשערט,
מיט נאַצישן גרויל וועלן פרילינגען בלױען.

## דאָס האָט זיך קיין מאָל נישט געענדערט

זייער אויסגעלאָסן לשון
אָפּגעפּאַרבט אויף רויט
און געבשרט מיט אַ פרומען נאָמען
קומט נישט פון דער העלער הויט,
עס שטאַמט נאָך פון דער עיר־הבירה שושן,
פון די אור־אור־זיידעס,
פון די אַלטע המנס.

עס זאָגן אויף דעם עדות
פאַרסמטע ברונעמער,
עלילות־דם,
געיעגן אויף מכשפות
און רציחות סתם.
זיי האָבן אין אַ יעדן דור
געפונען זייער דרייפוס
און ווי באַנומענע
מיט שנאה גרעסער אַלץ און גרעסער,
די ציין אויף אונדז געקריצט,
ביז פון אַלע מעסערס
האָט אונדזער בלוט געשפּריצט
און אויף אַלע שייטערס
האָט אונדזער גלויבן
אין פלאַמען זיך געלייטערט.

דאָס האָט זיך קיין מאָל נישט געענדערט —
אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער.

## יום־כיפּורים

נישט איך, נאָר דו
דאַרפסט אין יום־כיפּורים
בעטן דײַנע זינד פאַרגעבן.

נישט איך, נאָר דו
האָסט דעם גיהנומדיקן שטורעם
אויף דער ערד צעצונדן
און פאַרוואַנדלט קינדערישע גופים
אין ברענענדיקע ווונדן.

נישט איך, נאָר דו
האָסט דײַן פאָלק פאַרראַטן,
אויסגעליפערט עס צו קאַטן,
און ווען עס האָט פון אָפּגרונט דיך גערופן,
האָסטו אָפּגעווענדט דײַן אויג און אויער,
און אין שטומען שווײַגן זיך פאַרמויערט
און אין קאַלטער רו.

נישט איך, נאָר דו
דאַרפסט פאַר יעדן אויסגעריסן לעבן
בעטן דיר די זינד פאַרגעבן.

## נאָך אַזוי פיל יאָר

נאָך אַזוי פיל יאָר —
און זיי גייען אַלץ מיר נאָך
אין חלום און אויף וואָר.
אומעטום
הער איך זייער פּחדימדיקע קלאָג,
די פאַרשמאַכטע לעצטע טריט
ווי ס׳זאָל דער טאָג
פון ווייטיק זײַן צעשיט
אויף רגעס שרויט.

בײַ נאַכט רינגלען זיי אַרום מײַן שטוב
מיט די קינדער אויף די הענט
און איך גיי מיט זיי צוזאַמען צו דעם גרוב,
מיט זיי צוזאַמען כ׳ווער פאַרברענט.

אַזוי געשעט טאָג־אײַן טאָג־אויס —
כ׳גיי מיט זיי צוזאַמען אין דער ריי
און קום אַ לעבעדיקער פון גרוב אַרויס,
צו שטאַרבן יעדן טאָג פון ס׳נײַ.

## אַ חלום

איך לויף אין גרויליקער בהלה
דורך געסלער טונקעלע און שמאָלע,
אין אַ קאַלטער גליווערדיקער נאַכט
געיאָגט פון פחד און פאַרדאַכט
און אַ גאַנצע שטאָט
מסרט מײַנע טריט,
רופט מיר נאָך מיט שפּאָט —
אַ ייִד !... אַ ייִד !...

און אָט איז שוין דער סוף —
נישטאָ קיין אויסגאַנג פון די געסלעך מער.
הינטער מיר מיט שטילן יאָמער שלעפּט זיך שווער
אַן עדה ייִדן ווי אַ סטאַדע שאָף,
און איבער מיר אַ פרײַע גרויסע וועלט,
קיין וואָלקנדל די הימלען נישט פאַרשטעלט,
קיין שנייעלע די ווײַטן נישט פאַרווייט
און פון אַלע הייכן שפּאַרט אַ שטערנדיקע פרייד.

נאָר אָרום מײַן גוף, ווי אַ תליה־שטריק
אַ מענטשנראָד אַלץ ענגער, ענגער.
זי שפּיזט מיך דורך מיט בייזער שנאה
און פאַרמעסט זיך קעגן מיר מיט דרענגער.

נאָר כ׳קאָן שוין איצט אין ערגעץ נישט אַנטרינען,
נישט פאָרויס און נישט צוריק.
פון פחד גליווערט אין מיר אַלץ
און כ׳בין געליימט — אַ סלופּ פון זאַלץ...

און אַז איך כאַפּ זיך אויף
און אַ גרויסע זון אויף מײַנע שויבן רוט,
איז נאָך אַלץ אין מיר פאַרקילט דאָס בלוט,
איז עס אַלץ נאָך נישט דער סוף,
דאָס זעלבע ווילדע קול מיך דראָט,
די שנאה דויערט.
נאָר כ'בין שוין נישט אויף קיינעמעס באַראָט.
עס וואַכן מײַנע קינדער בײַ דעם טויער.

## פאַר וואָס איז מיר באַשערט?

די ביינער פון מײַן טאַטע־מאַמע
ליגן אין אַ פרעמדער ערד.
די אַשן פון מײַן שוועסטער
און אירע קינדערלעך די דרײַ
האָט דער בייזער ווינט צעווייט
איבער פרעמדע שטעט
אויף פרעמדער ערד.
די בלוטן פון מיליאָנען מײַנע ברידער
איבער פרעמדער ערד
דורות לאַנג שוין רינען —
פאַר וואָס זשע איז מיר אַליין באַשערט
אין אַן אייגן לאַנד
מײַן רו די אייביקע געפינען?

כ׳בין נישט פרײַ פון זינד,
כ׳קאָן נישט רימען אַלע מײַנע טאַטן —
כ׳האָב אויך אַ מאָל אויף בלינד
אַ מענטש אַן עלנטן פאַרראַטן,
פאַר שרעק — דעם אמת נישט געזאָגט,
פאַלשע רייד פאַרשוויגן,
נאָך כיבודים זיך געיאָגט
און געלאָזט מיט צביעות זיך פאַרוויגן.

פון דעמלט אָן
האָבן מײַנע טעג פאַרלוירן זייער שײַן,
פון דעמלט אָן
וואָגלען מײַנע נעכט אין פּײַן

און די גאַנצע וועלט
שפּיגלט אָפּ זיך אין אַ טרער.

נאָר וואָס געשען איז געשען
און דער געוויסנביסן איז אָפּט נישט מער,
ווי צביעות קעגן זיך אַליין,
און נישט קיין בלאַנקנדיקע שאַרף פון שווערד
און נישט קיין לויטערער באַגינען.

איז פאַר וואָס זשע מיר אַליין באַשערט
אין אַן אייגן לאַנד
די רו די אייביקע געפינען?

## שואה־טאָג

דער טאָג גייט אויף
איבער פלאַקערדיקע טרעפּ —
אַ בלאַנקנדיקע שווערד.
זײַנע שעהען פאַלן שווער
אין ליידיקן אין־סוף,
ווי אָפּגעהאַקטע קעפּ,
און אונטער אים וויגט פון פּחד זיך די ערד.

די הימלען זענען פיאָלעט־פאַרבלויט
ווי פאַרגליווערט בלוט.
די ווינטן הענגען טויט
אויף די צווײַגן פון די ביימער.
און איבער דער פאַרשטאַרטער שטאָט
קריכט מיט שווערן טראָט
אַ פאַרזעעניש געהיימע —
אַ האַקנקרײַץ פון בלוט.

דעמלט קומען זיי פון אַלע פײַערן צו גיין
פון אַלע היימען די צעשטערטע
און שווײַגנדיקע שטום
זיי רינגלען מיך אַרום.
די יונגע האָפערדיקע ווערטער
פון בעסטיעס צעריסן
ליגן ווי דערשטיקטע פייגל מיר צופיסן
און אַלץ אַרום זיך טרינקט אין טײַכן פון געוויין.

## די געלײַטערטע אין פּײַן

איר צעגלידערט מיט פֿאַרשערישער רו
די ווּנדן
פֿון די טויטע ברידער,
יעדע ווּנד באַזונדער. —
ווער און ווען און ווּ
האָט אין ווילדער שרעק
אָפּגעקערט פֿון גלײַכן וועג.

און איך בין ביז אַצינד
אַלע נאָך בלינד
פֿון גיהנומדיקן פֿײַער
און אַלע זענען גלײַך מיר טײַער —
די זינדיקע און גערעכטע.

מען דאַרף דערפֿאַר
נישט דן זײַן מיך צום שלעכטן.
עס איז מײַן האַרץ אַ נאַר
און קאָן נישט אונטערשיידן
צווישן ביידע.

אַלע גייען נאָך מיר טראָט בײַ טראָט
אין יעדער שטאָט
סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאַכט.
און ווען איך רעד און ווען איך טראַכט,
זיי זענען אַלע מאָל מיט מיר צוזאַמען —
די געלײַטערטע אין פּײַן,
די געהייליקטע אין פֿלאַמען.

# אַלע טאַטעס

אַלע טאַטעס, אַלע מאַמעס,
אַלע קינדער —
אַלע זיי צוזאַמען
און יעדערער באַזונדער
זאַמלען אין מײַן האַרצן
יאָרן פּײַן
און טײַכן טרערן
אין אַ ים אַ שוואַרצן,
וואָס וועט גרייכן
צו די שטערן
און פאַרלעשן זייער שײַן.
און אויף זײַן ברעג
וועט יעדער שפּור פון לעבן זײַן פאַרמעקט
און ס׳וועט די זון פאַרגליווערט
אַלע אייביקייטן זיצן שבעה.

## כ׳וואָלט וועלן זאָלסט זײַן

כ׳וואָלט וועלן זאָלסט זײַן,
כ׳זאָל קאָנען דײַן נאָמען פֿאַרשוועכן,
כ׳זאָל קאָנען פֿאַרשעלטן די שײַן
פֿון דײַנע געפּרווירענע הייכן.

כ׳וואָלט וועלן זאָלסט זײַן,
כ׳זאָל קאָנען דעם אמת דיר זאָגן
פֿון אָפּגרונט פֿון פּײַן
און פֿאַרן בית־דין של מעלה פֿאַרקלאָגן.

נאָר ס׳איז נישט אַזוי,
ס׳איז קיין רעכט נישטאָ און נישט קיין ריכטער —
געדאַכט איז דער הימלישער בלוי
און די שײַן פֿון די הימלשע ליכטער.

און טוגנט און מאָרד זענען גלײַך,
נישטאָ זיך פֿאַר וועמען צו קלאָגן —
ווי פּריִער מורמלט רויִק דער טײַך,
און עס בליִען מיט זון די פֿאַרטאָגן.

## עין תחת עין

די דערשטיקטע טאַטע־מאַמע אין די גריבער ליגן
מיט די זויגנדיקע קינדער פון די וויגן —
און די רוצחים פאַר די געטער קניִען
און פאַר זייער אָנדענק בלומען בליִען.

ס'איז קיין דין נישטאָ און נישט קיין דיין
אויף דער ערד און אין די הייכן
פריַי שפּאַצירן אום די קין'ס,
און ס'טוט קיין שטראָף זיי נישט דערגרייכן.

און די רעטער פון די מענטשן,
און די אַליין־געקרוינטע נביאים —
אַלע זיי די קין'ס בענטשן,
אַלע פאַר די קין'ס קניִען.

קעגן קין'ס,
וואָס דערמאָרדן קליינע קינדער,
איז איין מיטל בלויז פאַראַנען.
עין תחת עין! — —
דאָס האָבן זיי אַלע מאָל פאַרשטאַנען
און פאַרשטייען אויך אַצינדער.

## אויף אייביקן דויער

כ׳וועל נישט זאָגן מײַן קדיש בציבור,
כ׳וועל ביחידות טרויערן,
עס זאָל נישט מײַן ווייטיק אין טומל אַריבער,
נאָר דויערן און דויערן.

כ׳זאָל קאָנען פון אַלע פאַרשאָטענע גריבער,
פון אַלע פאַרלאָשענע פײַערן,
פאַרבעטן צו מיר מײַנע ליבע,
פאַרבעטן צו מיר מײַנע טײַערע.

די טאַטעס און מאַמעס,
די שוועסטער און ברידער
און מיט זיי צוזאַמען
לייענען שטיל אַלע לידער

וועגן הייליקן יום־הזכרון,
די דאַטע פון פינצטערן טרויער,
וואָס איז אונדזער לעבן געוואָרן —
אויף אייביקן דויער.

## מײַן דור

מײַן דור לאָזט זיך אויס ווי אַ טײַך אין דער מידבר
און ווינטן פֿאַרטראָגן מיט זאַמד זײַנע שפּורן.
ווי שמות פֿאַרגעלטע אין פֿינצטערע קעלערס
ליגן פֿאַרקלעמט זײַנע בלוטיקע יאָרן.

און אַלע געזאַלבטע פֿון גאָט און פֿון מענטשן —
די שטרענגע כּוהנים און מילדע נביאים,
אַלע צוזאַמען די מערדער איצט בענטשן,
אַלע צוזאַמען פֿאַר זיי איצטער קניִען.

## עס קלאָגן

עס קלאָגן אַלע מײַנע יאָרן,
וואָס זענען גאָר אַמאָל געוועזן וואָר.
און מײַן חלום קלאָגט,
וואָס איז צו וואָר געבאָרן,
און איז עס קיין מאָל נישט געוואָרן.

אויך די יונגע וועגן,
וואָס האָבן אויפגעשײַנט אַנטקעגן
מיט וווּנדער
און מיט פרייד,
קלאָגן יעדערער באַזונדער
און אין איינעם,
וואָס זיי האָבן מײַנע יאָר באַגלייט
צו גאָרנישט און צו קיינעם.

## שבעה

טרערן פון אַ מאַמען שטײַגן
צו די העכסטע רוימען —
צו די טיפסטע תהומען
גרייכט אַ טאַטנס שווײַגן.

פאַראַנען ווערטער וואָס דערהייבן,
פאַראַנען ווערטער פון באַדויער —
אַ טאַטע־מאַמעס טרויער
קאָנען זיי קיין טרייסט נישט געבן.

אַלע שטאַרבן אַפּ אין האַרצן
גלײַך שוין פון געבוירן
און זיי גייען ווו פאַרלוירן
אין אבלות שוואַרצער.

## מײַנע יונגע טעג

כ׳האָב געיאָגט מײַנע יונגע טעג
אויף אַ פרעמדן װעג
דורך װינטן צעגליטע
צו אײגענער שחיטה,

װעל איך אַצינד, אין העלע פאַרטאָגן,
אויף אַן אײגענעם װעג
זײ אַלע באַקלאָגן:

— װײ צו די יונגע טעג
פול מיט גלויבן און מוט,
װאָס אין קעניגרײַך רוט
זענען פון בלינדן צאָרן
צו אַש און שטויב געװאָרן.

זײ װעלן צוריק שוין נישט קומען,
זײ װעלן צוריק שוין נישט װערן.
אין נײַעם הויז
כ׳װעל כסדר בלויז
זײער שטילן קלאָגן הערן
און אין װײטיק שטומען.

## י. ל. פּרץ

עס לויפן די פּינטעלער דיינע
נאָך די צעפּיבערטע שורות
און שיינען,
ווי פונקען נאָך איילנדיקע צוגן.
און ווערטער — שאַרפזיניקע סברות —
אַלץ טיפער און טיפער זיך יאָגן
דורך טונקעלע וויטן
צו ליכטיקע קוואַלן
פון גאָר אַלטע צייטן,
וואָס רוען פאַרהיטע
אין גליווער פון יאָרן
מיט שטויבן פאַרשיטע.
נאָר פון דיר איצט אַנטפּלעקטע,
זיי קומען פון ס'ניי ווידער ליכטיקע, קלאָרע,
ווי טליִענדע שייטערס דורך ווינטן צעוועקטע.

## שטראַלן

אַ פּראָסטיק־בייזע האַנט
האָט געשמיסן מאָסקווער גאַסן
מיט פאַרשטאַרטע דינע ריטער.
בײַ דער קרעמל־וואַנט
האָבן שטראַלן בלאַסע
אויפן שניי געציטערט.

האָבן ווײַסע טויבן
זיי געבראַכט צו מײַנע שויבן
און אויף זיי געלאָזט זיי ליגן,
כ׳זאָל זיך איבער זיי דערבאַרעמען
און אין שטוב דערוואַרעמען
און אויף די הענט פאַרוויגן.
האָב איך מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָגן
אַלע זיי גענומען
פון די קאַלטע פּײַנען
און אין אייגנלאַנד פאַרטראָגן,
וווּ אַלע שטראַלן קומען
און דאָרטן אייביק שײַנען.

## לייב קוויטקאָ

ווי נאָר כ׳דערמאָן דײַן נאָמען,
ליכטיקט אויף אַ שמייכלענדיקע רו
און פריידיק ווערט אויף דער נשמה
און זאָרגלאָז־קינדעריש די שעה.

„ס׳וועט גוט זײַן, ס׳וועט גוט זײַן״ —
פלעגסטו שטענדיק זאָגן,
„נאָך יעדן חושך קומט אויף שײַן,
נאָך יעדער נאַכט הייבט אָן צו טאָגן״.

„אַלע זענען גלײַך אין אונדזער לאַנד,
האָסט אויך צווישן אונדז אַ היים געפונען״ —
עס האָט דײַן איידל האַרץ נאָך נישט געאַנט,
וואָס עס גרייטן צו די רויטע הונען.

ביסט געוועזן כולו גלויבן,
כולו ליבשאַפט צו דײַן היים.
נאָר געחתמעט איז שוין דאָן געוועזן אויבן
דײַן וויסטער גורל אין געהיים.

## בנימין זוסקין

אַ פֿויגל —
אַן אויסטערלישער, אומבאַקאַנטער,
איז איבער אים אַדורכגעפֿלויגן
און אַ פֿאַרגעפֿיל אַ בייזן, נישט געאַנטן,
אין זײַן האַרץ געוועקט.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין שרעק.
אין ווינקל איז געשטאַנען אויסגעצויגן
אַ לבֿנה־זײַל, ווי אַ לויכטנדיקער מלאך,
און די ווענט,
אָנגעטאָן אין תּכריכים פֿון ווײַסן קאַלער,
האָבן זיך אַלץ נעענטער גערוקט צו זײַן געלעגער.

ס'האָט געשלאָגן דרײַ דער זייגער.
ער האָט זיך אײַנגעהערט
אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט,
אין דעם אומרו פֿון דער ערד.
און פּלוצעם האָט זיך אים געדאַכט,
אַז ערגעץ ווײַט אויף פּוסטע וועגן
בלאָנדזשעט אום אַן עלנטער זײַן נאָמען,
ווי אַ גוף אָן אַ נשמה,
און קיינער, קיינער קומט אים נישט אַנטקעגן.

האָט ער אויפֿגעפּראַלט דאָס פֿענצטער
אין דער פֿינצטערניש אַרום
און געזען — אַלע הײַזער שטייען שטום,
אַלע גאַסן דרימלען,
בלויז איין שטערן אין די הימלען
ציטערט ווי אַ טרער.

האָט ער אים געפרעגט: —
שטערן דו, מײַן שענסטער,
צי איז שוין דאָס מײַן לעצטער וועג?
צי דאַרף שוין קיינער מיך נישט מער? —
און זײַנע ברענענדיקע אויגן האָבן זיך געלאָשן
אין דער קאַלטער לופט.

אָ, בעל־חלומות, ס׳האָט דערמאָרדעט דיך דער רשע,
נאָר נישט געקאָנט פאַרטיליקן דײַן לשון,
וואָס אָן אויפהער צו נקמה רופט.

# באַנאַנד

די דערמאָרדעטע שרייבער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד

אין אײַער ליד
פֿון די שטורעמדיקע טעג
כ׳האָב געהערט די טריט
פֿון אונדזער אַלעמענס גאַנג
אויף דעם וועג,
וואָס גייט אַדורך אַ יעדער ייִד —
ווּ ער זאָל נישט זײַן.

און דערקענט
די זעלבע אומעטיקע שײַן
פֿון אונדזער אַלעמענס געזאַנג.
די שײַן פֿון אונטערגאַנג
און פֿאַרלענד,
נאָר אויך פֿון אייביקייט.

זיי האָבן אײַער וואָרט דערפֿאַר
אין פֿײַערן געברענט
און אײַך אַליין אין פּײַן און צער
פֿון טויטן אַלערלײַ געפּרוווט,
געטריבן איבער וועגן שכורע פֿון בלוט,
נאָר נישט געבראָכן אײַער מוט.
זיי האָבן בלויז דערמאָרדעט אײַער גוף,
די נשמות אײַערע געבליבן זענען פֿרײַ
און דעם פֿאָלק אויף אַלע אייביקייטן טרײַ.

גייען מיר מיט אײַער אָנדענק איצט באַנאַנד
אין דעם אײגנלאַנד,
ווי קינדער פון דעם זעלבן שטאַם,
מיט דעם זעלבן ליכטנדיקן פלאַם,
וואָס אין אונדזער האַרצן אײביק ברענט
און ווערט קיין מאָל נישט פאַרברענט.

## נישט אײַער ליד

נישט אײַער ליד האָבן זיי דערשטאָכן
אין יענע ווילדע שנאה־טעג,
נישט די לוחות אײַערע צעבראָכן,
ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין —
דאָס האָבן זיי דערמאָרדעט זיך אַליין,
אין בלוט דערטרונקען זייער אייגנוועג.

דורות וועלן אויסדערציילן זייער שאַנד,
ווי זיי האָבן טרײַע זין געטייט
אין זייער אייגן לאַנד,
קלאָרע, ווי משוגענע פאַרשפּאַרט
און מיט ליגנערישע רייד
אַ פאָלק אַ גאַנץ גענאַרט.

נאָר אײַער אָנדענק וועט אויף אייביק בלײַבן
און דעם פאָלק געהערן,
און די נעמען אײַערע,
וועלן קיין מאָל נישט פאַרלאָשן ווערן.

## דער טאָג

דער טאָג צעעפנט אַלע טויערן
פאַר יעדן נײַגיריקן טראָט,
פאַרפלייצט מיט ליכט די מויערן,
צעוועקט מיט ליד די שטאָט.

און ווינטן — שטאָלצע רײַטער —
יאָגן אָן פון אַלע זײַטן
מיט אַ שליחות אַ געהיימער
צו אַלע בלִיענדיקע ביימער.

נאָר פון פרעמדער שײַן באַהעלט,
עס קניט דער טאָג אַנידער
פאַר יעדער הויכער שוועל —
מידער אַלץ און מידער.

און אַזוי פון הויז צו הויז
ער בייגט זיך מערער אַלץ און מערער,
שרומפּט זיך אײַן,
ביז ער ווערט אין גאַנצן אויס
און פון זײַן שײַן
שכורן אַ גאַנצע נאַכט די שטערן.

## פאַרבלענד

כ׳היפּער איבער אַלע יאָרן,
כ׳מעק פון לוח אויס די צײַט,
ס׳איז פאַרבלענד בלויז פון זכּרון —
וואָר איז נאָר די אייביקייט.
זי האָט קיין פריִער נישט און שפּעטער
און אויך נישט קיין אַצינד —
אַ בוך מיט גרויע אומעטיקע בלעטער,
וואָס מישן זיך אַן אויפהער אויפן ווינט.

אויך די שקיִעות און דאָס טאָגן,
און די עלטער און די יוגנט,
ס׳איז איינער און דער זעלבער גאַנג —
אַ שפּיל בלויז פון געדאַנק.

איבערהיפּער איך די יאָרן,
מעק פון לוח אויס די צײַט,
כ׳זאָל אין פלאָנטערדיקן קלעטער
יעדע טיילעניש פאַרשפּאָרן
אויף פריִער און שפּעטער,
אויף נאָענט און אויף ווײַט.

## זונפֿאַרגאַנג איבער האָדסאָן

ס'האָט דער האָדסאָן אויסגעצירט זיך
צו דעם זונפֿאַרגאַנג
אין פּורפּורנע קאָלירן.
יעדע כוואַליע
האָט אַן אַנדער שטראַל געטראָגן
אויף איר רוקן
און געאײַלט זיך
צו דעם ים דערגרייכן
ביז זײַן אָונטיקער שירה.

פּלוצעם האָט אַ בייזער ווינט
אָנגעיאָגט פֿון ניו־דזשערסי
צוגערויבט דאָס גאַנצע גילדענע פֿאַרמעגן
און מיט שאָטנס ריזיקע
פֿאַרלאָשן אַלע וועגן,
אַלע טויערן פֿאַרמאַכט
און איבער האָדסאָן־לאַנד
אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצע נאַכט.

## אין די בערן־בערג

אַזוי איז מיר געווען באַשערט —
צו באַקענען זיך מיט דײַן שיינער ערד,
ווען אַלע זומער־פאַרבן
האָבן אָנגעשטרענגט די לעצטע כּוחות שוין
פאַרן ווינטערדיקן שטאַרבן.

אַ מבול פון קאָלירן האָט פאַרפּלייצט
דעם אין־סוף פון די ווײַטן
און באַרוזקט און גערייצט
און געוועקט באַגערן פרומע און פאַרשײַטע.

אין די בערן־בערג האָט דער זונפאַרגאַנג
אַ געטלעך ליכט צעצונדן אויפן הימלראַנד,
ווי אַ פײַערלעך געזאַנג,
און מיט געליישטן גאָלד באַצירט די ביימער
מלכותדיק באַשיידן.
אַלץ אַרום איז געוואָרן שטילער און געהיימער
און אַ סודותדיקע האַנט
האָט אין אַ שאָטן־וואַנט
פון בין־השמשותדיקן טרויער
אויפגעעפנט שטיל דעם לבנה־טויער
פון גן־עדן.

## אוקראַינע

זוניק־מילדע האַרבסט־טעג איבער אוקראַינע,
פעלדער ברייטע, ווײַטע און נאָך גרינע,
אײַנגעצאַרעמט אין אַ בלאָען הימל,
נאָר שוין אומבאַוועגלעך ווי אין דרימל.

נישט די גראָזן, נישט די ביימער
רײַסן מער זיך צו די הייכן.
נעפּלען קילע און געהיימע
בײַ די האָריזאָנטן בלייכן.

אויף אַן אָפּגעשניטן פעלד קאַרטאָפל
קוקט אַ קו פאַרחידושט אין די ווײַטן.
הײַזקעס ווי אין מיטן וועלט פאַרשלאָפן
שטייען נאָך פאַרזונקען אין כמעלניצקיס צײַטן.

## „דער מאָרד"

אין אָנדענק פֿון שאַרל זשאָרדאַן

עס האָט דער קאַלטער שטראָם
צו דער ערד
צוריקגעקערט
זײַן גוף פֿון שוואַרצן תּהום,
נאָר זײַן שאָטן גייט מיר נאָך
טראָט בײַ טראָט
אויף אַלע גאַסן פֿון דער שטאָט,
אויף אַלע וועגן פֿון דעם לאַנד
און בײַ מײַן האַרצן און פֿאַרשטאַנד
שטומערהייט
מאָנט באַשייד
און זין פֿון מאָרד.

נאָר אויסגעלאָשן איז מײַן וואָרט
און אַלץ אַרום
איז פֿון פֿאַרשעמונג שטום,
נישט בלויז פֿאַר זײַן זכּרון,
נאָר פֿאַר גאָט,
וואָס אין דעם מענטשן האָט
זײַן געטלעכע געשטאַלט פֿאַרלאָרן.

## רייד

עס שטראָמען איבער מיר די רייד,
ווי האַרבסטיק־זלידנע רעגנס —
און איך בין אַלץ נאָך אונטערוועגנס
און זוך אין שטילקייטן באַשייד.

און זוך דאָס וואָרט, וואָס איז געוואָרן
אויסגעלאָשן אין דער מיט פון גאַנג
און געלאָזט אויף הפקר מײַן געזאַנג
און די גלייביק־יונגע יאָרן,

וואָס זענען זיך צעלאָפן אין דער פרעמד
צו זוכן רו און גליק
און ליידיקע זיך אומגעקערט צוריק,
פאַרמאַטערט און פאַרשעמט.

## שאָטנס

האַלבע נאַכט,
די ווענט פון צימער זענען שטום,
די שויבן בלינד,
בלויז דאָס האַרץ איז וואַך
און האָרכט דאָס רוישן פון דער נאַכט,
ווי פון אַ ווײַטן ים.

דאָס קומען אָן אַזוי די שאָטנס
פון די עלטסטע צײַטן,
וואָס זענען אין דער אייביקייט אַוועק
און פולן אויס איצט יעדן ווינקל
אין בענקשאַפט נאָך דער שיינער ערד,
וואָס באַוווינען זי איז זיי געווען באַשערט
מיט יאָרן טויזנטער צוריק
איין אויגנבליק
און אויף אייביקן שוין דויער
זיי טראָגן אומעטום מיט זיך
איר אָנדענק און איר טרויער.

## די נאַכט איז פול מיט שרעק

די נאַכט איז פול מיט שרעק.
אויף דעם שוואַרצן לוח אירן
פאַרשרײַבט אַ האַנט די זינד פון טעג,
וואָס צו אומקום פירן.

און אין ערב־נעפל פון באַגינען
קלאָגט די שכינה
ווי אַ מאָל נאָך אין דער פרעמד
אויף דעם ייִדיש־וואָרט,
וואָס איז פאַרשעמט.

ערשט מיט קאַיאָר
קומט די טרייסט.
און כ׳ווייס,
אַז ס׳איז אַצינד
אויף יעדן אָרט
די זעלבע וואָר —
פול מיט גבורה און מיט זינד,
הייליק און פאַרדאָרבן.

ווײַל זינט דער אמת איז געשטאָרבן
אין יענער בייזער שעה,
איז קיין אמת מער
אין ערגעץ שוין נישטאָ.

## כוואַליעס

אײַנגערעמט אין אַ לויכטנדיקער הילמראַם,
כוואַליעס ברויזנדיקע וואַנדערן
אויף בלאָען ים
און יאָגן זיך און יאָגן
איינע נאָך דער אַנדערער,
איינע נאָך דער אַנדערער,
און אויף די רוקנס שטאָלענע
עטרות זילבערנע זיי טראָגן,
ווי דורך אַ קינסטלער־האַנט געמאָלענע.

זיץ איך אַ פאַרחלומטער בײַם ברעג
און זע, ווי מײַנע טעג
אין שיפּעלעך פון וואָרט
מיט די כוואַליעס וואַנדערן
איינע נאָך די אַנדערע
איינע נאָך די אַנדערע
צו אַן אויסטערלישער ווײַט,
וואָס איז אויסער אָרט
און אויסער צײַט.

# אַ ווײַטע דערמאָנונג

יהודית־קען

אין האַלב־רונדן פֿאַרטונקלטן זאַל פֿון מוזעום
האָט דײַן פֿידל אַ ניגון פֿאַרבענקטן געשפּינט
און געטאָן מיר דערמאָנען
אַ רײַזע אַ ווײַטע אין שטעטעלע לונע,
ווען דו ביסט געווען נאָך אַ קינד.

כ׳האָב די אויגן פֿאַרמאַכט און דערזען —
מיר פֿאָרן אויפֿן ניעמאַן צוזאַמען
זיסעלע, איך און דײַן מאַמע,
דײַן שוועסטער און דו
און אַ ליבער קוזין.

אַרום הערשט פֿאַרנאַכטיקע רו,
דער ניעמאַן לויכט בלאָ ווי באַגין,
זײַן וואַסער שווימט שטיל און פּאַמעלער
און מיט אים שווימען מיט
דער הימל, די ביימער, די ברעגן,
די זאַמדיקע דאָרפֿישע וועגן
און עמעצנס אַ טרויעריק ליד.

עס האָרכט זיך אײַן דער אָרום
צו אַ פֿאַרחלומטער מיידלשער שטים
וועגן אַ זילבערנעם שטראָם אין גאַלאָפּ
צעשטיפֿט און פֿריילעך
מיט פֿרילינגדיק געזאַנג
באַרג אַראָפּ

צום בלאָען אֵין־סוף —
און פּלוצעם, פון די טאָלן אַרויף
הייבן אָן קריכן שאָטנס, ווי בערן,
צו שטערן
דעם צעזונגענעם גאַנג
מיט פּחדים פון נאַכט.

אַזוי האָט פאַרטראַכט
אין האַלב־רונדן פאַרטונקלטן זאַל פון מוזעום
דײַן פידל אַ ווײַטע דערמאָנונג געשפּינט,
און איך האָב דערזען,
ווי דו, נאָך אַ קינד,
פאָרסט אויף דעם ניעמאַן צוזאַמען
מיט מיר און דײַן מאַמען
אין אַ פאַרפּישופּטן זומער־פאַרנאַכט
און מיט אונדז שווימען מיט
דער הימל, די ביימער, די ברעגן,
די זאַמדיקע דאָרפישע וועגן
און עמעצנס אַ טרויעריק ליד.

## עמעלע

אין איינער אַזאַ נאַכט,
ווען אין די הימלען
אַלע שטערן דרימלען
און נאָר דער העלסטער וואַכט,
איז געשען דאָס ווונדער.
אַ זײַדן ווינטל האָט צו אַלע קינדער
אַ מיידעלע געבראַכט
פון דעם גאָרטן פון די בלומען —
אַ ראָזענקע און פוכלע ווי אַ זעמעלע,
און געגעבן דעם אַ נאָמען: —
עמעלע.

האָבן אַלע קינדער פאַרן גאַסט
אַ לידעלע פאַרפאַסט:
עמעלע, זעמעלע, זאַם,
אייגעלעך בלאָ ווי דער ים,
הערעלעך בלאָנדינקע־בלאָס
און ס'נעזל אַ ביבעלע בלויז...
ווײנט עס — רעגנט אין גאַס,
לאַכט עס — ליכטיק אין הויז.

און אַלע צוזאַמען
מיטן טאַטן און דער מאַמען
מיט דער באָבען און דעם זיידן
און מיט דעם ברודערל דעם שיינעם
האָבן עס אין נחת און אין פריידן
דאָס לידעלע געזונגען אין דער הויך,
און מיט אַלע זיי אין איינעם
עמעלע אויך.

# אַ מיידעלע אין גאָרטן

אַ ייִדיש מיידעלע
מיט אַ פּנימל אַ קײַלעכדיקס און ברוינס
ווי אַ קניידעלע
זיצט אין גאָרטן אויף אַ שטיין
איינע אַליין
און ס׳האָט אין גאַנצן נישט קיין שרעק
פאַר די גויִים מיט די העק
פאַר די שקצים וואָס שלאָגן
און פון די גערטענער פאַריאָגן,
פאַר די גלעקער וואָס קלינגען —
ס׳האָט אין גאַנצן נישט קיין שרעק
און גייט פון גאָרטן נישט אַוועק,
נאָר זיצט זיך אויף אַ שטיין,
איינע אַליין,
און אַלע פייגעלער אַרום איר זינגען.

## דער בעל־חלומות

אין אבלות זיך די גאַסן אַלע שטיקן,
אַלע ביימער זאָגן קדיש בײַ די זײַטן,
ווינטן די ידיעה איבערשיקן
צו די שטוינענדיקע ווײַטן.

אַ בת־קול טראָגט זיך אין די רוימען
מיט געיאָמער —
אָפּגעשטאָרבן זענען אַלע טרוימען,
דער בעל־חלומות איז נישטאָ מער.

געבליבן איז די פאַלשע וואָר בלויז,
די וואָס בלענדט און ליגנט,
לעשט די האָפענונג אין יעדן האַרץ אויס
און יעדן שיינעם ניגון.

די וואָס בלויז אויף קליינע קעפּ
טוט אָן גינגאָלד־קרוינען
און מיט שפּינען־נעץ פאַרוועבט
די מחשבות פון גאונים.

וויינען אַלע צייטן אויף די ראָגן —
ווינטער, פרילינג, האַרבסט און זומער,
און עס קלאָגן די פאַרטאָגן —
דער בעל־חלומות איז נישטאָ מער...

## די וואָס טראָגן זונען

ווען אין האַרבסטיק־טריבע צײַטן
ציִען טשאַטעס כמאַרעס אויבן
און עס נעפּלען אַלע ווײַטן
און עס טונקלען אַלע שויבן —

ווען די דולע ווינטן דרייען
אויף די וועגן אַלע
און די וועלף אין נאַכט־זאַווייען
זענען וואָיענדיק מתפּלל —

טוט דאָס כיטרע תּם׳ל
דעם סאָלאָוויי פאַרשפּאַרן
הינטער קוידערישן שטאַמל
אים און אַנדערע צו נאַרן.

נאָר די וואָס טראָגן זונען אויף די אַקסלען,
ווי קערנער גילדענע פאַר מאָרגנס,
עס זאָלן שטראַלן וואַקסן
און מיט שײַן די ערד באַזאָרגן,

וועלן טרײַע בלײַבן
אונדזער ליד דעם קלאָרן
און די קריפּלען טרײַבן
פון דער וואָר און פון זכּרון.

## טעג און נעכט

עס שלעפּן זיך די טעג פֿאַרשלאָפֿענע אַרום
איבער גאַסן אָנגעהייצטע פֿון דער זון,
און די נעכט בלאָנדזשען צווישן קרומע געסלעך אום
און ווייסן נישט וואָס מיט זיך צו טון.

ביז זיי פֿאַלן מיד אַרײַן
אין אַ טאָג, וואָס הייבט ערשט אָן צו בלאָען,
און פֿאַרוויגטע פֿון זײַן קילער שײַן,
זיי שפּאַרן צו זיך אין אַ ווינקל רוען.

## הפקר

אין וואָלקנס און אין נעפּלען
איך גיי אַרום מיט זיך אַליין
און זוך אַרום די זון, וואָס איז נישטאָ,
וואָס איז קיין מאָל נישט געווען.

אין ווינטן און געוויטערס
איך זוך אַן אָרט צו קאָנען שטיין,
אַן אָרט פון רו וואָס איז נישטאָ,
וואָס איז קיין מאָל נישט געווען,

איז מײַן גאַנג אַ הפקר־גאַנג
צו גאָרנישט און צו קיינעם
און מיט אים אין איינעם
הפקר איז אויך מײַן געזאַנג.

ווער עס וויל דאָרט גייט אַרײַן
און גייט אַרויס —
איינער זוכט דאָרט שײַן,
אַ צווייטער — ווערטער בלויז.

## אַלט־נײַע ערד

אויף דער אַלט־נײַער ערד
זענען אַלע ביימער
פון ייִדן־שווייס גענערט
און פון בענקשאַפטן געהיימע.
און יעדער צרה
איז געפּאָרט מיט גבורה,
און יעדער טראָפּן בלוט —
מיט מוט.

אײַלט אַצינד
אַ יעדער ווינט
פון ווײַטער פרעמד,
פון טויזנטיעריקן פאַרלענד,
פון דורותדיקער נאַכטשוואַרץ —
צו די ברעגן פון דעם לאַנד,
וואָס איז נאָענט ווי דאָס האַרץ
און וווּנדערלעך ווי דער פאַרשטאַנד.

## תיקו

טעג, וואָס האָבן גאָר נישט לאַנג
מיט זון געבלענדט,
אויפגעגאַנגען און פאַרגאַנגען מיט געזאַנג,
טונקלען איצטער שטום אויף מײַנע ווענט
און זייערע באַגינענס גייען אויף אַצינד,
ווי שקיעות האַרבסטיקע — אומעטיק און בלינד.

אַ בייזער גײַסט האָט זיך באַוויזן אומגעריכט
אויף אונדזער ערד
און פאַרלאָשן זייער ליכט,
זייער רו צעשטערט.
מיט האַס די הערצער מענטשלעכע צעוויגט
און זיי אָנגעפילט מיט נישט־פאַרגין,
זיי זאָלן אייביק זײַן צווישן זיך צעקריגט
און זיך פאַרלענדן קעגנזײַטיק אָן שום זין.

צי האָט דער גאָט פון ליכט אויף אייביק שוין
צום בײַזן גײַסט פאַרשפּילט זײַן קרוין —
צי האָט ער שוין אויף אייביק זיך אַליין פאַרלייקנט?
תיקו!...

## פון אייגענעם ווילן

ס׳האָט קיינער מיר גאָרנישט פאַרזיכערט
און כ׳האָב נישט צו קיינעם קיין טענות.
די פרעמדע און פיַינטלעכע שטראָמען
פון אַלע קאָליריקע סדומען
פאַרטווישט כ׳האָב אויף אייגענע וויבערס
אין לאַנד ווו אייביקע שיַין איז.

פון זילבערנע נעצן פאַרשפונען
צו פעלדזיקע בערג כ׳בין אַנטרונען
און אויף גליַיִקע זאַמדן
פון אייגענעם ווילן געלאַנדן.

איז מעג שוין וואָס וויל זיך געשען —
געוויטערס און שטורעמס,
געראַנגלען און שטריַיטן,
כ׳האָב אַלץ דאָס פון וויַיטן
פאָרויס דאָך געזען
און בין פון חרטה באַוואָרנט.

## אַלע ליבעס פון אַמאָל

אַלע ליבעס פון אַמאָל
קומען אין די נעכט צו מיר צו גיין
און אויף מײַן טרויעריקער שוועל
זיי בלײַבן טרויעריקע שטיין.

פאַרבעט איך זיי אין שטוב
און זאָג צו זיי אַזוי:
„— איר זענט יונג געבליבן אינעם גרוב
און איך פון אײַער פײַן — בין גרוי

און אַלט אַזוי,
ווי אַלע איר צוזאַמען,
ווײַל כ׳בין מיט יעדערער פון אײַך
פאַרברענט געוואָרן אין די פלאַמען,

דערשטיקט געוואָרן אין די גאַזן,
דערשאָסן אין די גריבער,
און אײַנגעהיט צו יעדערער פון אײַך
מײַן ערשטע ציטערדיקע ליבע.

בין איך טאַקע אַלט אַזוי,
ווי אַלע איר אין איינעם,
נאָר מײַן דערמאָנונג וויל נישט ווערן אַלט
און אויך מײַן ליבע נישט צו קיינעם״. — — —

קומען זיי איצט ווידער
אין די נעכט צו מיר צו גיין
און אין מײַנע טרויעריקע לידער
זיי בלײַבן טרויעריקע שטיין.

## כ׳בין אַ שטויבל בלויז

כ׳בין אַ שטויבל בלויז,
נאָר מיט מיר צוזאַמען
וועלן אונטערגיין
די יבשות און די ימען,
די גאַנצע וועלט וועט ווערן אויס,
און ס׳וועט שוין מערער גאָרנישט זײַן —
נישט קיין פרייד און נישט קיין פּײַן,
נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט,
אַזוי האָט גאָט פאַרטראַכט
אין קרײַז פון ווערן און פאַרגיין,
פאַר מיר,
און דיר,
און פאַר זיך אַליין.

## מײַן שײנער חלום

מײַן שײנער חלום פֿון די קינדער־יאָרן
װעגן טערקלטױבן
װאָס אין ליבע־װײען ברומען,
װעגן פֿײַגנבײמער
װען די פּרוכטן צײַטיקן,
און װעגן בערג און טאָלן
װאָס כּסדר זיך אין זונשײַן טובלען,
האָב איך אױסגעטראָגן
לאַנגע יאָרן
אין פֿאַרבאָרגעניש געהײמער,
װי זײער לעבנסזאַפּט די בײמער.

איז ער אין די פֿרעמדע װײַטן
מיר געװאָרן
טרײסט און גלױבן
אין די טעג די װאָכעדיקע,
אין די פֿײַערלעכע יובלען,
אין די יאָרצײַטן
פֿון די אומגעקומענע אַמאָלן,
און ס׳איז שױן קײנער אין מײַן װאַנדער
דורך די רױטע פּראָסטיקע פֿאַרטאָגן
נישט געװען אין שטאַנד מער
פֿון מײַן האַרצן אים פֿאַריאָגן.

## מיר דאַכט זיך אַלץ

עס זענען שוין פאַריבער אַזוי פיל יאָרן,
און מיר דאַכט זיך אַלץ נאָך אויס,
אַז ס׳איז נישט וואָר,
אַז ס׳איז אַ חלום בלויז.

אַז אָט וועל איך צעוועקן זיך פון שלאָף
און ס׳וועלן צלמים גאָר פאַרקוקן אין מײַן שויב
און גלעקער וועלן קלינגען מיטן אַלטן רוף
צו רציחות און צו רויב.

און אויף פרעמדער גאַס
וועלן מיר אויף טריט און שריט
בליקן אָנגעגאָסענע מיט האַס
נאָכשרײַען שטומערהייט: דו ייִד! —

כּל־זמן אין אונדזער האַנט
איז נישט פאַרהויבן נאָך די שווערד —
אַרויס פון אונדזער לאַנד,
אַרויס פון אונדזער ערד!

## כ׳זאָג בלחש...

כ׳זאָג בלחש מײַנע לידער
מיט ווערטער אומעטיקע, מידע,
ווי אַ בלינדער.
גייט יעדעס ליד אַרום באַזונדער —
קיינער זעט עס נישט,
קיינער הערט עס נישט,
קיינער רופֿט עס נישט בײַם נאָמען,
ווי אין חושך אַ טויב־שטומער.

## דאָס שנירל טרערן

איבער חיפהער בערג
וויגט זיך אויפֿן ווינט
נאָך ביז אצינד,
ווי אַ הענגל שטערן,
אַ שנירל טרערן...

— ס׳איז געשען אין אַ האַרבסטיקן באַגינען.
כ׳בין צום ערשטן מאָל געקומען אין דעם לאַנד
פֿון אַ פּראָסטיקער מדינה —
אַ וואַרעם ליכט האָט געפּלייצט פֿון ראַנד צו ראַנד,
ווי הירשן־הערנער האָבן זיך אין פֿעלדזן־שפּיצן
פֿאַרטשעפּעט בינטלער שטראַלן,
ציטערדיקע שײַנען האָבן זיך ווי בליצן
געצונדן און געלאָשן,
און אין טאָל,
בײַ זינגענדיקע קוואַלן,
האָט ווי אַ נעפּלדיקער ריז געדרימלט
עוג מלך־הבשן.

פֿלוצעם האָבן אַלע קינדער־יאָרן פֿון אַמאָל
אויפֿגעליכטיקט אויפֿן הימל,
כ׳האָב זיך אַליין אין לאַנד פֿון כּנען דערזען
מיט סטאַדעס שאָף צום ברונעם גיין.
דערנעבן אויף אַ שטיין
איז אומעטיק געזעסן לאה,
ס׳האָט פֿון איר מיט עלנט געטאָן אויף מיר אַ ווייע
און דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט,
ווײַל כאָטש צו רחלען ס׳האָט מיך אַלע מאָל געצויגן,
איז מיר לאה אויך געווען נישט פֿרעמד

און ווײ געטאָן מיר האָבן אירע טרערנדיקע אויגן.
נאָר איידער כ׳האָב געפונען טרייסט דערויף,
האָב איך שוין אין פּרעהס הויף
די ברידער מײַנע אויפגענומען.
ס׳איז אויך בנימין שוין געהאַט געקומען
און כ׳האָב זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן מער —
כ׳בין אַוועק זיך שלאָגן צוזאַמען מיט די מכבייער
קעגן די אַכזריותדיקע רוימער...

אַזוי האָב איך אין חלום אויף דער וואָר
זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גייער
פון דור צו דור,
פון לאַנד צו לאַנד,
ביז עס האָט אַ חיפהער שומר
מיר דערמאָנט,
אַז אייגנטלעך בין איך גאָר אַ וואַנדערער
פון צײַטן אַנדערע
און פון אַן אַנדער קאַנט...
און דעמלט האָב איך איבער חיפהער בערג
אויפגעהאָנגען, ווי אַ הענגל שטערן,
אַ שנירל טרערן
וואָס וויגט זיך אויפן ווינט
נאָך ביז אַצינד.

## מיר ברענגען...

מיר ברענגען אונדזער ליבשאַפט דיר
פאַר אַלע אויסגעבענקטע יאָרן;
פאַר יעדער פרעמדער טיר,
וואָס האָט באַגעגנט אונדז מיט צאָרן.

פאַר די פאַרשוווּנדענע חלומות,
וואָס מען האָט אויף שטענדיק שוין געזעגנט;
פאַר אַלע האָפענונגען יונגע,
וואָס מען האָט פאַרלוירן אויף די וועגן;

פאַר דעם אַלטן ווײַטן עבר,
וואָס מען האָט דאָ אָפּגעפונען;
פאַר דעם כּישוף פון די נעכט,
פאַר דעם נס פון די באַגינענס.

און אויך דערפאַר, וואָס שטייענדיק
מען קאָן דעם שׂונא דאָ אין פּנים קוקן,
און נישט ווי אומעטום
אים ווײַזן בלויז דעם רוקן...

## ווײַל עס איז

ווײַל עס איז דער מיאוסטער אמת שענער
פון דעם שענסטן ליגן,
וואָס מען קאָן אים נישט פֿאַרשטעלן מיט קיין פּענער
און מיט קיין לידער נישט פֿאַרוויגן,

און ווײַל אויך פֿריִער צי שפּעטער
מוז עס אומעטום געשען,
ביימער זאָלן אויסטאָן זיך פֿון בלעטער
און נאַקעטע אין גאַסן בלײַבן שטיין —

האָב איך אויסגעלאָשן אַלע ווערטער
אויפֿגעקומענע אין די פֿאַרטאָגן,
זיי זאָלן מער נישט ווי לאַמטערן
לײַכטן איבער פּוסטע ערטער,
איבער וויסטע ראָגן,
קיינער וויל זיי מער נישט הערן.

## דאָרטן

דאָרטן איז דער סיר־הבשׂר אפשר פולער
און די ווינטן פּאַשען זיך אין רו.
נאָר אין יעדער פרעמדער גאולה
איז באַהאַלטן, ווי אַ שלאַנג, אַ בייזע שעה.

זי ענדערט אומאויפהערלעך איר קאָליר,
נאָר אַלע מאָל צום האַרצן איז איר גיפט געצילט —
כ׳האָב אָפט איר קרעציקן באַריר
אויף מײַן אייגן לײַב געפילט.

געשלאָסן זענען דאָרט פאַר אונדז די הייכן,
און אויף די נידערס זענען אונדז פאַרוועכט —
דאָ בלויז זענען קלאָרע הימלען אונדז באַשערט,
צו קאָנען ביז די ווײַטסטע האָריזאָנטן גרייכן.

צו קאָנען שטײַגן ווי אַמאָל אויף יעקבס לייטער
און זען פון אַלע אָנהייבן דעם שורש
און דעם גאַנג פון אַלע דורות,
פון פריִער און פון שפּעטער.

און די גאַנצע אומה אין איר פול געשטאַלט,
און אין אירע איינצלנע צעפליקטע רינגען —
און ווערן מיט יאָרן טויזנטער מער אַלט
און מיט יאָרן טויזנטער מער יִונגער.

## כ׳האָב געזען

כ׳האָב געזען שיינע שטעט
און שיינע לענדער אויף דער ערד,
נאָר ס׳האָט מײַן האַרץ מיט פרייד
צו דיר זיך צוריקגעקערט.

כ׳האָב געזען בערג מיט ווײַסע קעפּ
און טאָלן זאַפטיק־גרינע,
האָריזאָנטן ווײַטע אינעם סטעפּ
און דעם ים אין פלאַקער פון באַגינען.

נאָר אַלע מאָל
כ׳האָב די נעפּלען גאָלדענע געדענקט
פון דײַן יעדן באַרג און טאָל
און צו דיר פון אומעטום געבענקט —

צו דײַנע אַלטע ווענט,
צו דײַנע רויטע זאַמדן,
כ׳האָב פון יעדער פרעמד
אין די נעכט צו דיר געוואַנדערט.

## פרילינג

כ׳האָב ליב די ערשטע פרילינג־טעג,
אַזעלכע תּמימותדיקע מילדע,
און די ערשטע גראָזן ווילדע,
וואָס שלאָגן זיך אַרויס בײַ די זײַטן וועג,
און דיביימער בײַ די טויערן,
וואָס צעצינדן זיך מיט גרינע פֿײַערן,
ווי יאָרצײַט־ליכט נאָך די ווינטערדיקע טרויערן,
אין אָנדענק פֿון אַלע טײַערע.

זאַמל איך די בלימעלעך פֿון זייער ערשטיקן פֿאַרמעגן,
בינד צוזאַמען זיי מיט די פּרילינגדיקע שטראַלן,
און זעץ אַוועק זיך בײַ די בלאָע אָוונטיקע ברעגן,
ווי די זיידעס מײַנע בײַ די בבל־קוואַלן.

## קינדער־פרייד

פון דײַן בלענדנדיקער שײַן,
וועלכע פלייצט דאָ אומעטום,
כ׳גיי אַ שיכורער אַרום,
ווי פון אַלטן ווײַן.

כ׳גיי אַרום און טראַכט —
אַ ייִדיש לאַנד, אַ ייִדיש הויז,
אַ זעלנער ייִדישער די רו באַוואַכט —
צי איז עס נישט אַ חלום בלויז ?

נאָר קינדער־פרייד
קוועלט אויף טריט און שריט
פון יעדער זײַט
און דאָס באַטײַט :
דער חלום פון מײַן ליד
און זײַן באַשייד.

## היים

אויף אַלע דײַנע לויכטנדיקע װעגן,
אויף יעדן באַרג, אין יעדן טאָל,
האָסט מיט ליבשאַפֿט מיך באַגעגנט
מיט אַלע חנען פֿון אַמאָל.

דעם לויטערן תּנכישן באַגינען
פֿון מײַנע פֿרילינגדיקע יאָר
האָב איך בײַ דיר איצט אָפּגעפֿונען
אויף דער װאָר.

כ׳האָב פּלוצעם זיך דערזען
אַלט אַזױ װי דו, און יונג אַזוי װי דו,
און די װאָרצלען מײַנע אין דײַן יעדן שטײן —
און כ׳האָב געבענטשט די גרויסע שעה.

איצטער, װען אויף דײַנע זאַמדן
מײַן קינדערישער חלום גרינט
און בײַ דײַנע ראַנדן
שטייט אויף װאָר מײַן קינד —

איז װעלכער שטורעמווינט
אין שטאַנד אונדז װידער צו צעשיידן ? —
אַלע פֿריִערדיקע דורות זענען דײַן אַצינד
און דער אַצינד — דאָס זענען מיר איצט ביידע.

## די געפֿאַלענע קינדער

פֿון שאָטנס באַוואַכט,
פֿון ווינטן באַגלייט,
זיי וואַנדערן אום אין דער נאַכט
אַליין און באַנאַנד
אויף די גאַסן פֿון שטעט,
אויף די וועגן פֿון לאַנד
און זוכן די היימען אַרום,
פֿאַרלאָזטע נאַר־וואָס,
און קוקן זיך איַין,
ווי עס וויינט אויף די פֿעלדער דאָס גראָז
אין לבֿנהקער שיַין
און עס טריפֿן די שטערן
מיט זילבערנע טרערן
אויף ביימער און זאַמדן
און עס זיצן ביַי טונקעלע ראַנדן
די טאַטעס און מאַמעס
אין טרויער צוזאַמען
מיט פֿאַרבראָכענע הענט אין דער שוויס
און קוקן מיט ווייטיק זיי אויס.

## קול ברמה נשמע

די קינדערלער־קדושים פון קרית־שמונה און מעלות

פון דעם וועג, וואָס פירט קיין בית־לחם,
האָט דער ווינט מיר געבראַכט
יעדע נאַכט
דאָס געוויין פון דער מאַמע רחל
אויף אירע קינדער, וואָס זענען געוואָרן פאַרטריבן
אויף קיינעמס באַראָט
אין ווײַטע און פּײַנטלעכע לענדער
און צו ענדע
זענען זיי אַלע
בלויז איינער פון אַ שטאָט
און צוויי פון אַ משפחה פאַרבליבן.

נאָר אין פריִען פאַרטאָג
פון סיון תיו שין למד דלת
האָט איר קלאָג
זיך געטראָגן פון אַלע עקן לאַנד
און אין ווייטיק געקניט
פאַר דער הייליקער וואַנט — — —

עס האָבן די פּײַנט
מיט קינדעריש בלוט
געפאַרבט אַלע וועגן אויף רויט —
און די זון האָט געשײַנט,
און די ערד האָט גערוט
און עס האָבן די הימלען געבלויט!

## צו מײַן שכן דעם אַראַבער

פֿאַר די זינד פֿון מערדן
מײַנע ברידער,
מײַנע שוועסטער,
מײַנע קינדער,
וועלן דײַנע פֿירער
קיין מאָל שוין נישט האָבן קיין פֿאַרגעבן —
דאָס האָבן זיי מיט האָס פֿאַרסמט דײַן לעבן,
דאָס זענען זיי געוועזן די העצער און די צינדער.

נאָר אויך דאָס טייטן דײַנע זין און טעכטער,
דײַנע טאַטע־מאַמע,
דורך די הענט פֿון מײַנע ברידער
רײַסט אין ווײ אויף מײַנע לידער,
און ווײ מיט דיר צוזאַמען.

דאָס ברידער־בלוט,
וואָס ביידע מיר פֿאַרגיסן,
וויל נישט אײַנגעזונקען ווערן,
עס טוט אין הייסע שטראָמען
איבער בערג און טאָלן פֿליסן
און זײַן געשריי די הימלען אַלע הערן.

ווײַל גרויזאַם און אומזיניק
איז דאָס בלוטיקע געשלעג
דורך אַזוי פֿיל יאָרן,
ווען דורות־לאַנג עס ציט זיך
אַ בשותּפֿותדיקער וועג,

ווען דורות־לאַנג שוין אַלט איז
אַ געמיינזאַמער זכּרון.

איז לאָמיר אַלע שפּיזן, אַלע שווערדן,
אין אונדזער בײדנס שײנער ערד באַערדן
און אויף רידלען און אויף אַקערס זײ פאַרטווישן,
עס זאָלן איבער פעלדער, איבער שטעט,
נישט קײן טויט־מכשירים
און נישט קײן פאַלנדיקע שירעמס,
נײַערט פרילינגדיקע ווינטן רוישן
מיט בשׂורות גוטע און מיט פרייד
און אויף וועגן אײגענע
מיר זאָלן זיך ווי פרײַנט
און נישט ווי פײַנט
באַגעגענען
און מיט גוטן ווילן און פאַרגעניגן
אַלע ספקותן באַזײנען.

## אייבי נתן

כּל־זמן
אַזעלכע ווי דו
זענען אין לאַנד נאָך פֿאַראַן,
איז העל דער קאַיאָריקער בלאָ,
עס דוויערט דאָס ליד אין די צווײַגן
און צום הימל די בערג־שפּיצן שטײַגן —

איז וויל איך זאָלסט וויסן:
אומצייליקע הערצער מיט ליבשאַפֿט דיך גריסן
דײַן שטימע פֿאַרנעמען —
אונדזער אַלעמענס חלום
און אונדזער אַלעמענס גלויבן,
וואָס האָבן אין פֿאַראָבלטע יאָרן
געטרייסט און דערהויבן
און זענען דײַן לעבן געוואָרן —
אַז דער נאָמען פֿון גאָט איז שלום.

## דין

פאַר מײַן לאַנד אין ווערטער שטילע
בײַ די הימלען רחמים איך בעט,
און עס הילט די גנאָד אײַן פֿון מײַן תּפֿילה
די פֿאַרשוועכטע שטעט,

נאָר די זון
צערײַסט דאָס תּפֿילהדיקע קלייד,
עס זאָל די אויפגעדעקטע שאַנד
צעצינדן הערצער ערלעכע אין לאַנד,
דרײַסטע זין,
זיי זאָלן אַלע שענדער פֿאָדערן לדין.

## צוויי פּאָעטן

פאַר דעם אַלעמגרעסטן
צוויי פּאָעטן שטייען
און קעגנזײַטיק זיך פאַרמעסטן —
איינער דיכטעט בקול רם,
מיט געוואַלדן און געשרייען,
ווי עס זאָלן פון די בערג
פאַלן שטיינער אין תּהום:
— כ׳בין דײַן ווערק —
וואַרפט ער רייד פון זיך אַרויס,
ווי שטיקער פלאַמען —
דורך מיר ביסטו געוואָרן גרויס,
דורך מײַנע ברויזנדיקע שורות,
ווי די כוואַליעס אין די ימען,
דורך מײַנע קלינגענדיקע גראַמען,
דורך מײַנע בילדער־ריזן
האָב איך דײַנע גבורות
פאַר דער וועלט באַוויזן.

אים אַנטקעגן,
קוים וואָס זײַנע ליפּן זיך באַוועגן,
מורמלט שטיל דער צווייטער:
— כ׳גיב זיך אונטער לכתּחילה,
כ׳בין נישט מער ווי זײַן באַגלייטער,
ער איז אַ חזן אַ באַוווּסטער,
אַ נאַציאָנאַלער מוסטער,
און איך בלויז אַ בעל־תּפילה.

און ס'ענטפערט גאָט זיי אָפּ אַזוי:
— איך בין שוין טאַקע אַלט און גרוי, —
נאָר נישט חלילה טויב,
כ'הער אַפילו נאָך פון ווײַט,
דעריבער, וואָס העכער עמעץ שרײַט,
אַלץ ווייניקער איך גלויב.

## אונדזער ערד

אויף די טײַכן פון אַלע בבל'ס
מיר זענען פאַראָבלט
טויזנטער יאָרן געזעסן —
די וואַנדערשיף גרייט בײַ די ברעגן.
מיר האָבן אין ערגעץ די ערד נישט פאַרגעסן.
צו איר האָבן שטענדיק געפירט אַלע וועגן.

און איצט —
פון וואַנען מיר זאָלן נישט האָבן געקומען
פאַר אונדז איז דאָס זאַמד דאָ נישט טרוקן,
די בערג נישט קיין שטומע,
די זון נישט מסוכּן.

ס'איז יעדער שפּאַן ערד דאָ אַן עדות
אויף מי און אויף גבורות פון זיידעס,
און בײַ אוראַלטע קוואַלן
וואָרצלט שוין הונדערטער דורות
דער געמיינזאַמער שורש
פון אונדז אַלע.

ס'וועט קיינער צו אים נישט דערגרייכן —
נישט פון דער נידער, נישט פון די הייכן,
און נישט פון די ימען.
ער איז מיט דער ערד דאָ באַהאָפטן צוזאַמען,
ווי ניגון און וואָרט אין איין שירה.

## לייב אָליצקי

### אין זיין ערשטער יאָרצייט

כ׳בין צום ערשטן מאָל נאָך דײַן פּטירה
צו דיר אין שטוב געקומען.
עס זענען מענטשן פיל געווען,
נאָר מיט נעפּל איז אין מײַנע אויגן
אַלץ אַרום געווען פאַרשוווּמען,
מיט אָבלדיקער טונקלקייט פאַרצויגן —
און איך האָב קיינעם נישט געזען.

אין חלל פון דער דירה
האָבן נאָך אַרומגעפלאַטערט שטיל
דײַנע מילדע שמייכלענדיקע רייד,
הילפלאָז זיך געטוליעט צו די ווענט
און ווי קראַנקע פייגל
צוריק אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל.

כ׳האָב מיט ציטער זיי באַגלייט,
געוואָלט זיי אונטערשטעלן מײַנע הענט,
נאָר ס׳איז מײַן גאַנצער גוף געווען פאַרשטיינט
און בלויז דאָס האַרץ האָט שטום אין זיך געוויינט.

דעמלט איז אַ ווינטל דורך דעם צימער,
אין אַ ווײַל זיך אומגעקערט צוריק
און אין לופט געטאָן אַ שימער
מיט דײַן האַרציק־קלוגן בליק.

עס האָט מיר עפּעס־וואָס דערציילט אָן ווערטער,
ווי צוריק ערשט מיט אַ יאָר,
פאַרטרוילעך פון דיר צו מיר בלויז.

נאָר פּלוצעם זענען אַלע אויפגעשטאַנען פון די ערטער,
אַ שטראַל האָט קוים פאַרטשעפּעט מײַנע האָר
און גלײַך פאַרשוווּנדן פון דעם הויז.

דרויסן האָט אויף אַלץ געהויערט
אַן אויסטערלישע שײַן,
די גאַסן אײַנגעהילט אין טרויער,
און ס׳איז מיר מיט אַ מאָל געוואָרן קלאָר,
אַז װעסט שוין קיין מאָל, קיין מאָל מער נישט זײַן.

נאָר ס׳האָט מײַן האַרץ דאָס נישט באַנומען,
כאָטש עס האָט ווי אַלע דאָס געוווּסט,
און אין טרויער־צוג דעם שטומען
דעם גאַנצן וועג מיט דיר געשמועסט.

## עס טרעפט

עס טרעפט און אומגעריכט
אין געסלעך טונקעלע פון שטאָט
גייט אויף אין האַרץ אַ ליכט,
אַ פרייד
צעגייט
אין אַלע גלידער,
עס טוט אַ בלאַנק
אַ בליציקער געדאַנק —
דאָ זענען אַלע מײַנע ברידער!
יִדן אויף אַ יעדן טראָט
אין אַן אייגן אויסגעבויטער שטאָט,
אויף אייגענער אוראַלטער ערד,
ווי ס'איז אַ יעדן פאָלק באַשערט.

און אַ יונגער ווינט שנײַדט דורך די לופט,
פרישט אָפּ די אַלטע יאָרן,
און די האַרבע וואָר
איז דעם חלום מער
שוין נישט קיין שטער,
נאָר צו פאַרמעסטן נײַע רופט.

## אויף דער הייליקער ערד

אויף דער הייליקער ערד
ווינען איצט וואָכיקע מענטשן,
וואָס קיינעם איז מער נישט באַשערט
עס זאָלן מלאכים אים בענטשן.

ווי אָדם און חוה אַמאָל,
זײַ זענען אויך נאַקעט אַצינד,
אָבער נישט אין גן־עדן־טאָל,
נאָר אין טונקעלע גאַסן פון זינד.

דריי איך אַרום זיך מעת־לעתן לאַנג
אויף אַלע תּנכישע וועגן
און יעדן שפּאַן ערד, ווי אַ געטלעך געשאַנק,
מיר טראָגן די אָבות אַנטקעגן.

און לעבן מײַן הויז אויף אַ פּעלדזן־שיפּוע
קלעטערן עולי־רגל מיט באָרוועסע טריט
צו אַן אַלטער פּאַרקריצטער נבואה
און טרעפן זיך אָן אויף מײַן אומעטיק ליד,

וואָס ראַנגלט זיך שווער, ווי אַן עלנטער זעגל,
מיט כוואַליעס און ווינט אין פּאַרמעסט,
ווי אַ קראַנקער פּאַרבלאָנדזשעטער פויגל,
וואָס קאָן נישט געפינען זײַן נעסט.

# אין אָנדענק פון לייב ראָכמאַן ז״ל

מײַן פֿריינד,
כ׳האָב דיך הײַנט
צו דיין אייביקער רו באַגלייט,
נאָר נישט צעשיידט.
מער ווי אַלע מאָל
האָט דײַן טויטער טאָל
מיך צו דיר פֿאַרבונדן,
עס זענען צווישן אונדז פֿאַרשוווּנדן
דער שטח און די צײַט
און פֿון דײַן אויסטערלישער ווײַט
האָט אַ וויי געטאָן אויף מיר אַ סודותדיקער ווינט
און אַלץ אַרום אין ליכטיקייט פֿאַרשפּינט.
כ׳האָב ווי אין חלום דערהערט דײַן שטים,
וואָס איז אין פּײַן געבוירן
און געלײַטערט זיך אין אַזוי פֿיל טרויערן,
און דערזען דײַן געשטאַלט שוועבן
איבער דעם אייביקלאַנד
צו דער מערב־וואַנט,
צו דער אַלטשטאָט,
ווו געצויגן ס׳האָט דײַן מידער טראָט
אויף וואָר
דורך אַלע דײַנע וואָגלדיקע יאָר.

איצטער ועסטו שוין מיט איר באַהאַפטן זײַן
דורות־לאַנג,
ווי דער ווייטיק פֿון דײַן וואָרט
מיט איר טרויעריקער שײַן,
ווי דער ניגון פֿון דײַן וואָרט
מיט איר אייביקן געזאַנג.

## אָפּט פֿאַרבלאָנדזשע איך...

אָפּט פֿאַרבלאָנדזשע איך אין צײַט
און ס׳ווערט מיר נאָענט יעדע ווײַט,
וואָס כ׳האָב אין וועג שוין לאַנג פֿאַרלאָרן —
דער חלום פֿון די יונגע יאָרן,
די תּמימותדיקע פֿרייד,
און פֿון לעבן דער פֿאַרנונפֿטיקער באַשייד.
עס מישן אויס זיך אַלע צאָלן
פֿון די הײַנטן און אַמאָלן,
כ׳טו זיך אויס פֿון אַלע יאָכן,
כ׳בין פֿול מיט גלויבן און בטחון
און זאָג צו זיך אַליין:
— ביסט ווידער ווי געווען.

## נישט אַלע וועגן

נישט אַלע וועגן פירן צו באַגערטע צילן,
נישט אַלע מעשׂים זייער שׂכר באַקומען.
וויכטיק זענען די כּוונות און דער ווילן
און די חלומות פול מיט שטורעם.

זיי קאָן קיינער קיין מאָל נישט פאַרטרײַבן,
מיט בייזער שׂנאה זיי דערשטיקן
ווי די לופט זיי וועלן אייביק בלײַבן
און צווישן מענטשן זוכן זייער תּיקון.

פאַרהיטענע אין פּײַנען,
אין יאָרן פון סכּנות,
זיי וועלן, ווי די „דרײַ מתּנות",
אין אַלע צײַטן שײַנען.

## געוויסנביסן

כ׳האָב הײַנט
געלויבט מײַן אייגן ליד
אויפֿן חשבון פֿון אַ פֿרײַנד —
האָבן גלײַך די שורות זיך צעשיט
די אותיות צעשטויבט,
דאָס ליכט פֿאַרשטעלט
און כ׳בין געבליבן שטיין
אין אַ טונקלקייט אַליין,
ווי אין אַ פֿוסטער וועלט.

## אין דעם זעלבן דור

אָן אמונה — פלעגט מײַן טאַטע זאָגן —
װעלן מיר פאַרמאָגן
בלויז אַ הפקר־װעלט.
אַ װיסטע נאַכט
אָן האָפענונג און שײַן,
און דער מענטש װעט געגליכן זײַן
צו אַ חיה אין פעלד.

איצטער אָפט איך טראַכט,
אַז ס׳האָט מײַן טאַטן
זײַן אמונה שװער פאַרראַטן.
עס איז צו גאָט דאָך
אונטערײַאָכט
דער שטח און די צײַט,
דער פריִער און דער שפּעטער
און דאָס באַדײַט,
אַז אַלץ האָט ער פאָרויסגעזען,
אַלץ פון פריִער געהערט —
די װײגעשרייען,
װען מ׳האָט דעם מענטש,
װאָס ער אַליין
האָט אין זײַן געשטאַלט געבענטשט,
אויף אַש פאַרברענט
אין פײַערדיקע װיגן —
ער האָט פאָרויס דאָס אַלץ געזען
און געשװיגן.

נאָר באַלד גייט אויף אַ שטים אין מיר —
און איר,

וואָס האָט דעם מענטש געשטעלט אין אויבנאָן ? —
דאָס האָט ער דאָך אַליץ געטאָן,
דער מענטש אַליין.

און אַזוי איז דאָס געשען,
אַז אין זעלבן דור
זענען דורכגעפאַלן ביידע —
דער טאַטע מיט זײַן פרומער עדה
און דער זון מיט זיין פלאַמיקן קאַיאָר.

## קריג

ניט אויף וואָר און נישט אין חלום
כ׳האָב אין עמעצן געוואָרפן ווען אַ שטיין,
אַ לעבן־לאַנג איך וויל בלויז מאַכן שלום
מיט זיך אַליין.

בלויז מיט זיך אַליין איך פיר אַ קריג,
אַ מאָל פון לינק, אַ מאָל פון רעכט,
נאָר ס׳ווייסן ביז אַהער נאָך נישט פון זיג
מײַנע טעג און נעכט.

ווי אורחים פרעמדע קומען זיי צו גיין
און פאַרשווינדן,
און לאָזן איבער נישט־פאַרהיילטע וווּנדן
און דעם אַלטן קריג מיט זיך אַליין.

## געקומען זענען זיי...

געקומען זענען זיי באַגינען
מיט ווערטער זוניקע פון ליבע,
און הינטער זיי וואָלקנס שׂנאה,
און הינטער זיי נעפּלען טריבע.

געקומען זענען זיי די הימלען שפּאַלטן
מיט אויפגאַנג ליכטיקן אויף שטענדיק,
און שקיעות אין דער שויס באַהאַלטן,
מיט שקיעות זייער טאָג פאַרענדיקט.

און דערנאָך ווי אַ פויגל טויטן
דעם גאָט דעם אייגענעם געשלעפּט אויף וועגן
אַ פאַרשלייערטן אין שלייערס רויטע —
אַ נאַכט אַ פינצטערער אַנטקעגן.

## דער מענטש

עס ליגט די מויז אין לעכער טיף פֿאַרשטעקט,
דער וואָרעם זיך אין קאָלווזשעס פֿאַרשפּרייט,
דער האָז באַהאַלט זיך אין אַ העק,
בלויז דער מענטש דורך געפֿאַרן גייט.

טרעפֿט, אַז ס'ווערט זײַן וועג פֿאַרשוועכט,
אַ שלאַנגען־נעסט זײַן לויף פֿאַרשטעלט —
צי איז דערפֿאַר די מויז שוין גערעכט,
צי איז דער האָז דעריבער שוין אַ העלד?

אַ וואָרעם בלײַבט אַ וואָרעם
ווען אַפֿילו ער צום שפּיץ דערקריכט.
ס'איז אים פֿרעמד דער טעם פֿון שטורעם,
אומבאַקאַנט די פֿרייד פֿון ליכט.

## שרעטעלער

אויף אַ דאָרנבוים אין מיט פון פעלד
האָבן זיך אַמאָל שרעטעלעך צעשטעלט.

איינס דעם צווייטן האָט געשטופּט פאָרויס
ביז צום סאַמע העכסטן סוף.

דערנאָך האָט יעדעס זיך באַרימט — אָט זעט:
ווי הויך מײַן הויכקייט שטייט,

כ׳בין דער העכסטער פון זיי אַלע
און אַלע דאַרפן זײַן צו מיר מתפלל.

אַזוי האָט יעדעס שרעטעלע גערעדט
און געקריגט זיך ביז אין אָוונט שפּעט.

ביז אַ ווינטל האָט אין מיט פון נאַכט
פון אַ חלום זיך צעלאַכט

און אַלע שרעטעלעך דערשראָקן
אַראָפּגעפאַלן זענען פון די שטאָקן

און צעקראָכן זיך אין חושך פון דער געגנט
אויף דעם שרעטלדיקן שטייגער ווידער —

איינס דעם אַנדערן אַנטקעגן,
איינס דעם אַנדערן דערווידער...

## דאָס קינד פון מײַן קינד

דאָס קינד פון מײַן קינד
דערציילט מיר אַצינד
זײַן זאָרג און זײַן פרייד אין עברית.
איז דאָס שוין אַליין
אַן אויסטערליש ליד,
און אפשר נאָך מיין —
עס באַדײַט —
זיג איבער צײַט,
צוריקקער נאָך טויזנטער יאָר
צו אייגענער וואָר,
צו זיך אַליין.

דאָס קינד פון מײַן קינד
דערציילט מיר אַצינד
פון חנוכה, פּורים און פּסח
און זאָגט מיר —
איצט וייס איך,
אַז כ׳בין נישט קיין בלאָנדזשענדער גייער
אַן אַ שטאַם און אַן אַ נאָמען —
איך בין פון גיבורים געקומען —
פון די מכבייער!

דאָס קינד פון מײַן קינד
איז מער נישט פאַרחברט מיט ווינט,
זוכט נישט זײַן היים מער אין וואָרט,
ווי ס׳האָט עס זײַן זיידע געטאָן. —
אייגענע ערד האָט פאַר יעדן קינד אָרט
און אונטער איר פאָן
דאַרף זײַן פּנים נישט בלײַבן פאַרשטעלט,

זײַן לשון געפאַלן,
נאָר פרײַ זיך צעקלינגען,
ווי פייגעלעך זינגען,
ווי קינדערלעך אַלע
אין גאָרער דער וועלט.

## די פליג

### א.

אין אַ שטײַג איז געזעסן אַ געפֿאַנגענער בער
מיט בענקשאַפֿט און צער אין די אויגן.
כמורנע געשפּאַנט אַהין און אַהער,
פֿון אומעט די לאַפּעס געזויגן.

דער וואַלד האָט געגעפּלט ביי אים אין זכּרון
מיט טונקעלע האַרבסטן, מיט פֿרילינגען גרינע,
מיט ריחות פֿון האָניק, מיט בליצן פֿון שטורעם
און מיט לויטערע קילע באַגינענס.

אַרום איז געווען רױשיק און העל,
נאָר די שטײַג האָט געשוואַרצט, ווי אַ תּהום —
האָט פֿון בערישער קעל
אַ טרויעריק ברומען צעריסן דעם רוים.

אין דעם איז אַ פֿליג אָנגעפֿלויגן
פֿון נאָענטן מיסטקאַסטן,
די אויערלעך פֿאַרצויגן
מיט קויט און מיט בלאָטע,
און, הערנדיק קוים אין געדראַנג
דאָס בערישע ברומען,
מעשׂה מבין געפּסקנט —
עס איז אַ געזאַנג
נאָר נישט לויט די נײַסטע נאָטן...

### ב.

אַ צווייט מאָל געשען איז פּאַרקערט —
אַ סאָלאָוויי האָט זיך באַפרייט
פון אַ גילדענער שטייַג
און נאָך לאַנגער צייַט
אומגעשטערט
פון צווייַג אויף צווייַג זיך צעשפּרונגען
צעזונגען —
עס זאָלן אַלע זייַן פרייד דערזען.

און דאָ איז עס ווידער געשען —
די פּליג איז געקומען
און, זיך שטיקנדיק פון בוימס אַראָמאַט,
דאָס קעפּל פאַרשטעקט אין אַ וויאַנענדיק בלאַט
און מעשה־מבין ווי שטענדיק
אָנגעהויבן חוצפּהדיק זשומען — — —

— „דער סאָלאָוויי איז געענדיקט,
ער זינגט נאָך אַלץ מיט געפיל
זייַן אַלטע אָדע
און קלייַבט צו די ווערטער, ווי רענדלעך —
ס'איז נישט אין דער מאָדע,
הייַנט זינגט מען קיל
און אומפאַרשטענדלעך.

## אין מיר אַליין

כ׳האָב געזוכט אים צווישן אַלע עלנטע פון שטאָט,
אין אַלע הייף פון אָרעמקייט און פּײַן,
אויף אַלע בוידעמער, אין אַלע קעלערס.
כ׳האָב אויך געזוכט די שפּורן פון זײַן טראָט
צווישן די באַפעלער
אין די גאַסן פול מיט זעט און שײַן.
ער איז אין ערגעץ נישט געווען.

האָב איך געלאָזט זיך גיין
איבער פעלדער,
איבער וועלדער,
איבער טאָלן,
ווו כ׳האָב אים שוין געהאַט באַגעגנט
אויף די בלאָנדזשענדיקע וועגן
פון מײַנע קינדערשע אַמאָלן.

נאָר אויך דאָרט האָב איך אַצינד
אים מער שוין נישט געפונען
און כ׳האָב געטראַכט —
אַז ווען געקומען ס׳איז דאָס מלכות פון דער נאַכט,
איז ער ווי אַ כוואַליע אויפן ווינט
מיטן שטראָם פון צײַט אַנטרונען.

און כּדי דעם אומעט צו פאַריאָגן,
כ׳בין אַוועק שפּאַצירן אָן אַ ציל,
ווו די אויגן טראָגן,
ערשט איך פיל —
ער זיצט אין מיר אַליין
און וויינט.

## „אַלע מענטשן זענען ברידער"

„אַלע מענטשן זענען ברידער"
און אַלע ברידער —
ווײַס און שוואַרץ און רויט,
זענען הילפלאָז אויף דער וועלט —
עלנטע אַפילו אין צוזאַמען,
איינזאַמע בײַם לעבן און בײַם טויט.

וואָס־זשע האָט עס פּאַר אַ זינען
נאָך צו טיילן זיך אויף שטאַמען
און ווי באַנומען
זײַן איינער צו דעם אַנדערן דערווידער,
זיך קעגנזײַטיק נישט פאַרגינען
דאָס אָרעמסטע געצעלט ?

מיר זענען אַלע דאָך בלויז געסט דאָ
אויף אַ ווײַלע,
אין צער געקומען,
אין צער צעשיידט —
צו וואָס די קורצע גאַסט־שעה
נאָך אַליין צואײַלן,
מיט מאָרדן קעגנזײַטיקע באַגלייט ?

צי פון שׂנאה שײַנט די זון דען בעסער,
אָטעמען די מענטשן פרײַער,
וואַקסן קינדער גרעסער,
שפּראָצן בלומען נײַע ?

„אַלע מענטשן זענען ברידער"
און אַלע ברידער זענען הילפלאָז אויף דער וועלט —
איז אפשר גאָר אין אונדזער אָרעמען געצעלט
מעסטן קעגנזײַטיק זיך די כּוחות
נישט מיט צאָלן פון חלפים,
נישט מיט טויטע גופים,
נאָר מיט לעבעדיקע מוחות
און מיט שיינע לידער
און דאָס געוועט באַזינגען
און באַשיידן
נישט אין שׂנאה,
נאָר אין פרײַנדשאַפט
און אין ליבשאַפט
און אין פריידן ?

## אַחדות

די טאַטעס, די מאַמעס, די ברידער —
זיי זענען ווי קדושים געפאַלן —
מיר רופן צום לעבן זיי ווידער,
מיר בויען אַ היים איצט פאַר אַלע.

אַזאַ איז געווען זייער חלום
ביז לעצטער מינוט פון צעשיידן —
מיט ברידער צוזאַמען אין שלום
אַ היימלאַנד צו בויען פאַר יעדן.

מיר בויען עס איצטער צוזאַמען,
פאַרוואַנדלען דעם חלום אין ווערן —
ווער קאָן אונדז דעם וועג איצט פאַרשטעלן,
ווער קאָן אונדז דעם חלום צעשטערן?

די אַחדות פון פאָלק אונדזער פאָן איז,
פאַר איר האָבן דורות געליטן,
פאַרהיט זי פון אַלע סכּנות —
מיר וועלן אויך איצט זי פאַרהיטן.

און לענדער, ישובים פאַרבינדן
מיט נאָענטע האַרציקע וועגן,
און הערצער מיט ליבשאַפט צעצינדן,
מיט גבורה דעם שׂונא אַנטקעגן.

אויף אַלע יבשות און ימען
מען האָט אונדז צוזאַמען געשלאָגן,
טאָ לאָמיר איצט שיצן צוזאַמען
דאָס לאַנד וואָס מיר אַלע פאַרמאָגן.

אַזאַ איז געווען זייער חלום
ביז לעצטער מינוט פון צעשיידן —
מיט ברידער צוזאַמען אין שלום
אַ היימלאַנד צו בויען פאַר יעדן.

די טאַטעס, די מאַמעס, די ברידער —
זיי זענען ווי קדושים געפאַלן,
מיר רופן צום לעבן זיי ווידער,
מיר בויען אַ היים איצט פאַר אַלע.

## ער גייט מיר נאָך...

ער גייט מיר נאָך שוין טראָט בײַ טראָט
און אומעטום ער רוימט מיר אײַן
דעם זעלבן סוד
פון אייביקן נישט־זײַן.

איך זע נישט זײַן געזיכט,
זײַן בלויזע שטים איך הער,
וואָס לעשט מײַן טאָגיק ליכט
און יעדע פרייד פאַרצערט.

## צוזאַמען

— ריווען

מייַן טייַערע,
איצט קאָן שוין יעדע רגע זייַן
דער סוף פון אַלע טעג,
די ענדע פונעם וועג
דורך וויכערס און דורך פייַערן,
דורך שאָטנס און דורך שייַן
פון שטאָט צו שטאָט,
פון לאַנד צו לאַנד —
טאָ גיב דייַן האַנט,
מיר זאָלן אויך אין לעצטן טראָט
אויף אונדזער ברענענדיקער ערד
זיך נישט צעשיידן
און ווי עס וועט נישט זייַן באַשערט,
מיר זאָלן זייַן צוזאַמעןביידע.

**אייביק יונג**

ווו און ווען איך זאָל נישט שטאַרבן,
וועל איך שטאַרבן יונג —
אין סאַמע מיט פון שטרעבן —
אַ פולער מיט חלומות,
אַ דורשטיקער נאָך לעבן.

און ווי די יאָרן מײַנע
זאָלן נישט צו ענדע
דריקן אויף מיר שווער,
וועלן בלײַבן נישט געזעטיקט
מײַן באַוווּנדער און באַגער

אויפצוטאָן נאָך פיל
און מיט אַלץ און אַלעמען
זײַן פאַרבונדן און פאַרקניפּט,
און ווי אַלע מאָל און שטענדיק
זײַן אין עמעצן פאַרליבט.

## אויך אויף די שטערן

אויך אויף די שטערן
אין די הייכן שטילע —
ווען עס וועט אונדז זײַן באַשערט —
מיר וועלן ליבעס שפּילן,
פּונקט ווי אויף דער ערד.

אין די הימלשע שפּאַצירן
מיר וועלן פֿאַר די הענט זיך פֿירן
מיט אַלע ליבע־חנען,
און זאָלן די מלאכים מיינען,
אַז אומעטום מיר טרײַקייט שווערן
בײַ דער שײַן פֿון שטערן,
פּונקט ווי אויף דער ערד.

און פּונקט ווי דאָרטן
מיר טוען אַלץ פֿאַרקערט.

## ווערטער

עס האָבן די ווערטער פאַרפירט —
איך האָב זיי, ווי לוחות, אין האַרצן געטראָגן,
אין פלאַמען געשמידט
פאַר מײַן גלויבן,
פאַר מײַן ליד,
ווי מיט זאַפטיקע טרויבן
אין די יונגע פאַרטאָגן
מײַן גאָרטן געצירט,
נאָר זיי האָבן פאַרפירט —
אונטער הייליקן ניגון
פאַרבאָרגן דעם ליגן,
גזילות געוויקלט אין סאַמעט־געוועבן
און מאָרדן —
באַהאָנגען מיט גילדענע אָרדנס...
טאָ זאָלן זיי איצט אין מײַן ליד
בײַ אַלעמען בעטן פאַרגעבן.

## אין לײדיקע שטיבער

אין לײדיקע שטיבער
װױנען פֿאַרלױרענע רײד,
פֿאַרלױרענע ליבעס,
פֿאַרלױרענע פֿרײד
און פֿאַרלױרענע בליקן
און זײ אַלע טוליען זיך שטום
צו די נאַקעטע װענט
און שװעבן אין חלל אַרום
און זוכן אַ תּיקון
קעגן שטומען פֿאַרלענד.

נאָר אין בלאָען חצות
קומען שאָטנס געהײמע
און פֿירן זײ אין דרױסן אַרױס
און זעצן מיט ליבשאַפֿט זײ אױס
אױף די נאַכטיק־פֿאַרחלומטע בײמער,
זײ זאָלן אין גילדענעם באַגינען
אין ליכטיקע בשׂורות צעגרינען.

## די רויז

ליגנס רינגלען מיך אַרום —
און איך בין שטום,
איך בין שוואַך זיך קעגנשטעלן,
מיט שיַין פון אמת זיי באַהעלן.

מערן זיי זיך אָן אַ שיעור,
ווערן אַלץ געדיכטער און געדיכטער,
שטיקן יעדעס וואָרט אין מיר,
לעשן אין מיר אַלע ליכטער.

נאָר אויף אַ באַרג ביַי אַן איינזאַם הויז
בליט אַ וויַיסע רויז,
קלעטער איך צו איר טאָג־איין טאָג־אויס
מיט מיַין שאָטן בלויז
און עס גייען נאָך מיַינע אומעטיקע טריט
אַ ציגעלע אַ וויַיס און מיַין מאַמעס ליד.

## אויף אַן אזכּרה

12טער אויגוסט. שפּעטע נאַכט.
אַ יאָרצײַט־ליכטל ברענט
אויף טרויער־וואַך
און זײַן פלאַם
ראַנגלט זיך מיט ווינטלעך פונעם ים,
מיט שאָטנס אויף די ווענט
און מיט זײַן ציטערדיקער שײַן
דערמאָנט אין גבורה
און אין פּײַן.

די פאַרזאַמלטע אויף דער אזכּרה
פון דערמאָרדעטן פּאָעט
זענען שוין פון לאַנג צעגאַנגען זיך אַהיים.
איצט איז איינע בלויז פאַרבליבן
אויף דער טרויער וואַך
אין די אָבלדיקע שטובן
און שווײַגנדיק־געהיים
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
זיך אײַנגעהאָרכט.

כ׳האָב צו איר גענענט און געזאָגט:
אין דרויסן טאָגט,
די ביימער־קרוינען זענען שוין צעוועקט,
די כוואַליעס וואַשן שוין דעם דרימלענדיקן ברעג,
אָט באַלד — און ס׳וועט דער גאַנצער מזרח שטיין אין בראַנד,
און איר זענט אַלץ נאָך אין ווײַטן חלום־לאַנד.

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט
און אָפּגעענטפערט מיר מיט ציטערדיקע רייד:

בײַ װעמען ס'טאָגט,
בײַ מיר איז אַלץ נאָך נאַכט —
מ'האָט מיך מיט מיר אַליין צעשײדט,
מ'האָט מיך פון מיר אַליין פאַרטריבן
איז בלויז דער חלום מיר פאַרבליבן...

אין שויב האָט זיך צעבלויט דער הימל.
דאָס יאָרצײַט־ליכט האָט זיך צעטרערט
אין גוססדיקער שײַן,
די פּרוי פון דערמאָרדעטן פּאָעט
האָט עפּעס שטיל צו זיך אַליין געגרעדט
און אַ מידע אײַנגעדרימלט,
נאָר די שאָטנס אין די פאַרטאָגיק־אָבלדיקע שטובן
האָבן אַלץ געהערט
און לדורות אויף די װענט פאַרשריבן.

## ווּיפל יאָרן...

ווּיפל דאַרף אַ מענטש דען אַלט זײַן,
ער זאָל אויס קינד שוין ווערן
און מער נישט פליִען צו די שטערן
אויף פליגל אויסגעחלומטע פון שײַן?

און ווּיפל צײַט איז אים באַשערט,
ווי אַ נאַריש ייִנגל גלויבן,
אַז די זון האָט זיך באַזעצט פון אויבן
צו באַלײַכטן בלויז די שיינע ערד?

אויך אין די שפּעטע יאָרן
פאָרט זיך נאָך דער חלום מיט דער וואָר —
און אָט איז מען ניכטער און מיושב
און ס'איז די וועלט אַ גרויע
און אָט ווי פאַרכּישופט
זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ליד פון תוהו־ובוהו.

## אין דער מיט

אין־סוף פון צײַט,
און אין־סוף פון ווײַט,
און איך אין דער מיט
מיט מײַן אומעטיק ליד
אויף די כוואַליעס פון טעג,
וואָס גייען, און גייען פאַרויס,
נאָר נישט צו קיין ברעג —
צו אונטערגאַנג בלויז.

אין־סוף פון צײַט,
און אין־סוף פון ווײַט
און איך אין דער מיט — דער אייביקער ייִד,
וואָס איז אַלט און איז יונג,
איז פאַרניין פון פאַרלענד
און דער סוד פון אין־סוף,
וווּ אָנהייב און ענד
זיך קומען צונויף
אין איין ליכטיקן רינג.

אין־סוף פון פײַן
און אין־סוף פון שײַן,
פון פאַלש און פון עכט,
פון גוטס און פון שלעכט,
פון אמת און ליגן
און איך אין דער מיט,
אַ געוויינלעכער ייִד
אין פלאַמיקע וויגן,
וואָס הוידען זיך שווער
אַהין און אַהער, אַהין און אַהער.

## ליכט

האָסט אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש —
און מיט אַ מאָל
איז אין אַלע קאָרידאָרן פון שפּיטאָל
געוואָרן ליכט.
כ׳האָב דערזען אויף דער וואַך
מײַן פרויס אומרויִק געזיכט
און הינטער איר, אין שויב,
דעם אַלטן חומש־טאָל,
די באַקאַנטע בערגלעך פון תּנ״ך
אין נעפּלדיקן פּיִאָלעט פאַרקליידט
און בײַ זייער ראַנד —
זומערדיקע פרייד
פון בלומען און פון ביימער
און צײַטן ווײַטע און געהיימע,
וואָס זענען מער שוין נישט פאַראַנען
און כ׳האָב פאַרשטאַנען:
דאָס האָט דײַן געבענטשטע האַנט
מיר אומגעקערט
די שיינקייטן פון לאַנד,
די ברכה פון דער ערד.

# אינהאַלט:


7 מײַן ייִדיש ליד
8 דאָס אייביקע געזאַנג
9 מײַן גאַנג צו דיר
10 ווי קאָן איך אומעטיק נישט זײַן
11 די קליינע קינדער מיט די גראָע קעפּ
13 יעדער טאָג
14 מיט זיך
15 וואָלקנס
16 די אויסגעבענקטע ערד
18 ביימער
20 אַ קרײַז
21 יעדעס ליד
22 ירושלים — א. ב. ג. ד.
26 סייפא וספרא
28 וואָר און נישט וואָר
29 אין אַן אייגן הויז
30 נע ונד אין זיך אַליין
31 פאַדערט נישט
32 דער שטאָלצער פּאַלמע־בוים
33 ווי אַ בליץ אין פלי
34 אַז איך וויל
35 דער פיבער פון אַ ליד
36 אַריבער דער גרענעץ
37 אייגנערד
39 איך רוף נישט אָפּ
40 ייִדל מיטן פידל
43 טרוים
44 הײַמלאַנד
45 ביימער אין ישראל
46 שפּאַצירן אין דער נאַכט
47 די אומהיימלעכע שעה
48 דער צלם אלוקים
49 נאַבאַנאַנד
50 אַלץ וואָס גוט און שיין
51 פון דעמלט
52 צווישן בערג און טאָלן
53 פאַר די בויער
54 אין סודותדיקן וואַנדער
55 טרייסט
56 ווי גוט איז
58 יעדער רגע
59 מיכאל
60 למעלה מן השכל
61 ווי קינדער
62 די טויטע כלה
64 שטעטעלער וואָלינער
66 דאָס געהויל פון דיביינער
67 דאָס האָט זיך קיין מאָל נישט געענדערט
68 יום־כיפּורים
69 נאָך אַזויפיל יאָר
70 אַ חלום
72 פאַר וואָס איז מיר באַשערט?
74 שואה־טאָג
75 די געלײַטערטע אין פּײַן
76 אַלע טאַטעס

77 כ׳וואָלט וועלן זאָלסט זײַן
78 עין תחת עין
79 אויף אייביקן דויער
80 מײַן דור
81 עס קלאָגן
82 שבעה
83 מײַנע יונגע טעג
84 י. ל. פּרץ
85 שטראַלן
86 לייב קוויטקאָ
87 בנימין זוסקין
89 באַנאַנד
91 נישט אײַער ליד
92 דער טאָג
93 פֿאַרבלענד
94 זונפֿאַרגאַנג איבער האָדסאָן
95 אין די בערן־בערג
96 אוקראַינע
97 „דער מאָרד"
98 רייד
99 שאָטנס
100 די נאַכט איז פֿול מיט שרעק
101 כוואַליעס
102 אַ ווײַטע דערמאָנונג
104 עמעלע
105 אַ מיידעלע אין גאָרטן
106 דער בעל־חלומות
107 די וואָס טראָגן זונען
108 טעג און נעכט
109 הפקר
110 אַלט־נײַע ערד
111 תּיקו
112 פֿון אייגענעם ווילן
113 אַלע ליבעס פֿון אַמאָל
114 כ׳בין אַ שטויבל בלויז
115 מײַן שיינער חלום
116 מיר דאַכט זיך אַלץ
117 כ׳זאָג בלחש
118 דאָס שנירל טרערן
120 מיר ברענגען
121 ווײַל עס איז
122 דאָרטן
123 כ׳האָב געזען
124 פֿרילינג
125 קינדער־פֿרייד
126 היים
127 די געפֿאַלענע קינדער
128 קול ברמה נשמע
129 צו מײַן שכן דעם אַראַבער
131 אייבי נתן
132 דײַן
133 צוויי פּאָעטן
135 אונדזער ערד
136 צו לייב אַליצקי
138 עס טרעפֿט
139 אויף דער הייליקער ערד
140 אין אָנדענק פֿון ל. ראָכמאַן
141 אָפֿט פֿאַרבלאָנדזשע איך
142 נישט אַלע וועגן
143 געוויסנביסן
144 אין דעם זעלבן דור
146 קריג
147 געקומען זענען זײַ
148 דער מענטש
149 שרעטעלעך
150 דאָס קינד פֿון מײַן קינד

152 די פליג — א. ב.
154 אין מיר אַליין
155 „אַלע מענטשן זענען
ברידער"
157 אחדות
159 ער גייט מיר נאָך
160 צוזאַמען
161 אייביק יונג
162 אויך אויף די שטערן
163 ווערטער
164 אין ליידיקע שטיבער
165 די רויזן
166 אויף אַן אזכּרה
168 וויפל יאָרן
169 אין דער מיט
170 ליכט

## ביכער פון זעלבן מחבר:

**שטאָפּלען**, לידער, פאַרלאַג „ביכער", וואַרשע 1929;

**וועגן צעגייען זיך**, דערציילונג, פאַרלאַג „נײַ־בוך", וואַרשע 1933;

**שרייבער און ביכער**, קריטיק, פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", לאָדזש 1949;

**שטודיעס און סקיצן**, קריטיק, פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", וואַרשע 1955;

**לידער**, פאַרלאַג, „ייִדיש־בוך", וואַרשע 1957;

**אַ זעגל אין ווינט**, לידער, פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", וואַרשע 1961;

**באָרוועסע טריט**, לידער, פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", וואַרשע 1966;

**ברענענדיקע בלעטער**, לידער, פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב תשל"ב — 1972.

# פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל
ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, ייִדיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווײַזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאַן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי
רפאל מאַהלער / ספר סאַנאָק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראַם / אָרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער
מלכּה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט ; אין נײַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מייִדיש — גרשון לימור
מלכּה חפץ־טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1943—1933
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרײַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חריץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מײַטלים / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

ישעיהו שפיגל / שטערן ליכטן אין תהום, געזאמלטע דערציילונגען — 1940־1944
צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען
חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר
י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה
אַברהם נאָוערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן
לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען
הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס
רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ ארי
משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס
בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ
יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען
רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ ווארשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד"ר יוסף קערמיש
דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפּשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפּשטיין און ה. אינגער
מלכה חפץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער
אריה שמרי / אויף גריניעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס
ישעיהו שפיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפורים. תרגם: מרדכי אמיתי
ישעיהו שפיגל / צווישן תָּוו און אַלף, געקליבענע לידער
יוסי גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג: פּראָפ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.
יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאַלק
שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און ניי, אויסגעוויילטע דערציילונגען.
ידיש: חיים גורט.
יצחק בורשטיין־פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן
יעקב פרידמאַן / געזען אויף אַ ווײַל
אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
צייכענונגען: יאַני פײַן
הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס
חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן
דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן
דאָרע טייטלבוים / אין טויער פון מעת־לעתן — לידער